STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04159

SOTSYALE DIFERENTSYATSYE INEM YIDISHN FOLKLOR-LID

A. Rozentsvayg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלוקראַיִנישע וויסנשאפטלעכע אקאדעמיע
אינסטיטוט פאר ייִדישער פראָלעטארישער קולטור
עטנאָגראפישע סעקציע

א. ראָזענצווייַג

סאָציאלע דיפערענציאציע אינעם ייִדישן פאָלקלאָר-ליד

אונטער דער רעדאקציע פון מ. ע ר י ק

פארלאג פון דער אלוקראַיִנישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע
קיִעוו 1934

פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטער—מ. לע־
וויטאנ. טעכנישער רעדאקטאָר — ז.
טורבאָווסקי. קאָרעקטאָר — כ. לײ־
באָוויטש. פאפיר 62×94 1/10—38 קג.
8 דרוקבויגנ. אינ 1 פאפיר־בויגנ 96 000 צ.
טיראזש 1 800 עקז.
פארלאג E—258 №. 2־טע אינטערנאציאָ־
נאלע דרוקעריי, אופ״ט, קיעוו, רויטער
פלאצ 2־a. באשטעלונג נומ. 390.
אָפגעגעבנ אינ זאצ 30/III — 1934,
אונטערגעשר. צומ דר. 19/VI—1934.

דערלויבט ארויסצולאָזנ פונ דרוק. פאָרזיצער פונעמ
רעדאגיר־פארלעגערישנ ראט פונ דער אלוקראי־
נישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע.
אקאד. אָ. וו. פאלאדינ.

„סארא אינטערעסאנטער מאטעריאל, — האָט ער מיר געזאָגט, — כ'האָב אפּגיכ דורכגעקוקט די דאָזיקע ביכלעכ, נאָר איכ זע, אז ס'פעלנ אפּאָנעמ הענט אָדער ווילנ, קעדיי אָט דאָס אלצ צו פאראלגעמיינערנ, קעדיי דאָס דורכצוקוקנ פונ סאָציאַל-פּאָליטישנ שטאנדפּונקט. מע וואָלט דאָכ אפנ גרונט פונעמ דאָזיקנ מאטעריאל געקענט אָנשרייבנ אנ אויסגעצייכנטע אויספאָרשונג וועגנ די האָפענונגענ אונ דערוואַרטונגענ פונ פאָלק. טוט א קוק אינ אָנטשוקאָווס מייסעלעכ, וואָס איכ האָב דורכגעבלעטערט, — ס'זיינענ דאָכ דאָ פאראנ אויסגעצייכנטע ערטער. אָט אפ וואָס מע וואָלט באדארפט ווענדנ די אויפמערקזאמקייט פונ אונדזערע ליטעראטור-היסטאָריקער".

(באָנטש-ברויעוויטש: „לענינ וועגנ פּאָעזיע")

פּאָרוואָרט

צום פאָלקלאָר,—א פארלאָזענער געביט אין מעשעכ פון די לעצטע יאָרנ, ווו ס'האָבנ ניט זעלטנ געבאלעבאטעוועט קלאסנ־פייַנטלעכע עלעמענטנ,—איז איצט דערוועקט געוואָרנ א גרויסער און גערעכטער אינטערעס. דער לימעד פונ פאָלקלאָר ווערט ארייַנגעפירט אינ דער אָנפאנג־און מיטלשול, אינ דער הויכשול.

עס הייבט זיכ אָנ א גרויסע און פאראנטוואָרטלעכע ארבעט צו אויספאָרשנ די סאָציאלע דיפערענציאציע אינעם פאָלקלאָר. די לעגענדע וועגנ דער אלפאָלקישקייַט פונעם פאָלקלאָר (אזויגערופענער פאָלקס־שאפנ) האָט שוינ לאנג געפלאצט. דער פאָלקלאָר, ווי אויכ די פאָלקלאָריסטיק (די ווִיסנשאפט וועגנ פאָלקלאָר), זייַנענ פונקט ווי די ליטעראטור, ווי אלע אנדערע אידעאָלאָגיעס, א פאקט און פאקטאָר פינ קלאסנקאמפ.

די דאָזיקע „סקיצנ” זייַנענ א באשיידענער בייַטראָג צו יענער גרויסער ארבעט וועגנ פאָלקלאָר, וואָס כ' לעניג האָט געפאָדערט פונ אונדז, ציגל צום גרויסנ ביניענ פונ דער מארקס־לענינישער פאָלקלאָריסטיק.

דער אווטער

1. אייניקע באמערקונגען וועגן דער בורזשואזער יידישער פאָלקלאָריסטיק

דעם פאַקט, וואָס די פאָלקלאָר־שאפונג קומט פונ „אומבאַוווסטע“ מאסנ־טיפּעניש, האָבנ בורזשואזע אונ קליינבירגערלעכע נאציאָנאליסטנ פונ קאָלערליי מינימ אונ שאטירונגענ אויסגענוצט אפ אויסצובויענ הויכמעליצעדיקע טעאָריעס וועגנ „פאָלקס־גייסט“, „פאָלקס־נעשאָמע“ אונ נאציאָנאלער אייגנארט. אינ דער יידישער סוויווע האָט א קלאסישנ מוסטער פונ אזא צוגאנג צו פאָלקלאָר געגעבנ דער סאמע רעאק־ציאָנערסטער קלעריקאל־יידישיסט ש. אנ־סקי. וועגנ אימ האָט אפילע כאימ זשיט־לאָווסקי, דער הויפּט־אידעאָלאָג פונעמ יידישיזמ, זיכ פארגונענ צו שרייבנ: „אנ־סקיס וויכקייט צו די רעאקציאָנערע קויכעס אינ אונדזער פאָלקס־לעבנ האָט מיכ שטארק געקרענקט“[1]. לויט אנ־סקינ קומט אויס, אז „אפנ פאָלקלאָר־שאפנ ליגט דער קאָ־לעקטיווער כויסעמ פונעמ גאנצנ פאָלק“[2], אונ פעלקער זיינענ אייגנטלעכ פאראנ בלויז... צוויי: „גוייִמ“ אונ „יידנ“. אינ דעמ „גוייִשנ“ פאָלקלאָר קומט, לויט אנ־סקינ, צומ אויסדרוק די „גוייִשע“, די היידנישע, די געצנדינערישע וועלטאָנשויונג, וואָס דער צענטראלער געדאנק אירער „איז די אידעאליזאציע פונ פיזישנ קויעכ“. אנדערש איז אָבער מיט דער שאפונג פונ אזא רוכניעסדיק פאָלק, ווי דאָס יידישע, וואָס דער ריבוינעשעלוילעמ אליינ האָט אפ אימ ארופגעלייגט די בעקאָוועדיקע אונ שווערע מיסיע פאנאנדערצוטראָגנ איבער דער וועלט דעמ שענסטנ גלויבנ פונ אלע גלויבנס, וועלכער איז אינגאנצנ גייסטיק, מאָנאָטעיסטיש. דער דאָזיקער יידישער גלויבנ האָט, לויט אנ־סקינ, „געלייגט זיינ שטעמפּל אפנ גאנצנ כאראקטער פונ דער יידישער פאָלקס־שאפונג“, „אינ דער יידישער פאָלקס־שאפונג איז ניטאָ קיינ שפּור אידעאלי־זאציע פונ פיזישנ קויעכ“[3]. דאָ איז אלצ הוילע רוכניעס, גייסטיקייט... פארשטייט זיכ, אז בא אזא שאָוויניסטיש־שווארצמייעדיקנ קעגנשטעלנ „גוייִמ“ אונ „יידנ“ איז שוינ ניט שייעכ צו ריידנ וועגנ סאָציאלע מאָטיוונ אינ יידישנ פאָלקלאָר, וועלכע מוזנ דאָכ זיינ ערדיש, קאָנקרעט, גאשמיעסדיק. וועגנ מאָטיוונ פונ קלאסנ־אונ שיכטנ־קאמפ — אוואדע אונ אוואדע ניט. ס'איז אויכ ניטאָ קיינ אָרט פאר אוואָסער ס'איז אנטוויקלונג. „פונ טאנאכ אָנ ביז היינטיקנ טאָג גייט דורכ אינ אלע ווערק פונ יידישנ שאפנ דער גרונט־געדאנק — דער פיזישער קויעכ איז ניט דער קויעכ, וואָס איז מענאצייעכ“[4]. די דאָזיקע ווילדע „טעאָריע“ דריקט אייגנטלעכ אויס מיט אינטעליגענ־טישע ווערטער די אידעאָלאָגיע פונעמ באלעבאטישנ פאָלקלאָר־ליד: „אז אָכ אונ וויי

[1] ש. אנ־סקי. „עטנאָגראפיע אונ פאָלקלאָר“. זשיטלאָווסקיס ארייַנפיר, ז. 1.

[2] דאָרטנ, ז. 15.

[3] דאָרטנ, ז. 23.

[4] דאָרטנ.

איז צו זיי — שיינע געטער האָבנ זיי". אנ־סקי איז בעפּיירעש דער בוילעטסטער אידעאָלאָג פונעמ שווארצמייעדיקנ ייִדישנ באלעבאָכ, וואָס האָט זיכ געהאלטנ פאר דער סמעטענע פונ דער וועלט. אינ די אינטערעסנ פונ אָט דעמ באלעבאָס האָט אנ־סקי פארשמירט דעמ פאקט, וואָס די איבערוועגנדיקע מערהײַט פונעמ ייִדישנ פאָלקלאָר רעדט אונ דערציילט וועגנ די סאמע גאשמיִעסדיקסטע, ערדישסטע אינטערעסנ, אז דער ארבעטער־פאָלקלאָר, וואָס איז געשאפנ געוואָרנ אינ דער צײַט, ווענ די רעוואָליוציִאָנערע באוועגונג איז אופגעקומענ, אָטעמט מיט „פיזישער גוורע", מיט „אידעאליזאציע" פונ פּיזישנ קויעכ, מיט קלאסנקאמפּ. מעגלעכ, אז אנ־סקי האָט געהאלטנ דעמ דאָזיקנ קעמפערישנ פאָלקלאָר פאר א „גויִישנ". מיר אָבער האלטנ אימ ניט פאר קיינ „גויִישנ", ניט פאר קיינ ייִדישנ, נאָר פאר אנ אָרגאנישנ טייל פונעמ גאנצנ קאמפּלוסטיקנ פאָלקלאָר, וואָס איז אופגעקומענ בא די ארבעטנדיקע שיכטנ פונ אלע פעלקער פונ רוסלאנד.

אונ ווערט אוועקגעלייגט אינ גרונט א פאלשע האנאָכע, אזוי שלעפּט זי שוינ נאָכ זיכ אנדערע. אָט שרײַבט אנ־סקי: „אָפטער ווי אלצ טרעפנ מיר אינעמ הײַנטיקנ ייִדישנ פאָלקלאָר מײַסעס אונ לידער אפ די טעמעס פונ ביבלישע דערציילונגענ. די אקטיווסטע ראָליע אינעמ דאָזיקנ פאָלקלאָר שפּילנ די ביבלישע אונ צומטייל אויכ די טאלמודישע פּערסאָנאזשנ" 1). די פאלשקײַט פונ אָט דער באהויפּטונג זעט מענ לײַכט דערפונ, וואָס פונ 376 נומערנ אינ גינזבורג אונ מארעקס זאמלונג, אשטייגער, האָבנ אינגאנצנ בא א צענדליק לידער א שײַכעס צו אָט דעמ „געהויבענעמ" מינ, וואָס אנ־סקי נעמט זיכ מיט אימ אזוי איבער... דער רעאקציִאָנערער אידעאָלאָג פונ דער אונטערגייענדיקער ייִדישער בורזשואזיע איז שוינ ניט פייִק אפילע אָפּצוהיטנ די קלענסטע מאָס וויסנשאפטלעכע „געוויסנהאפטיקײַט". אינ פארגלײַכ מיט אנ־סקיס רעאקציִאָנערע פּלוידערײַענ זײַנענ שוינ אפילע די „פייטערבארגער" בורזשואזע פאָלקיסטנ גינזבורג אונ מארעק פּראָגרעסיווע שרײַבער (זע דעמ ארײַנפיר צו זייער פאָלקלאָרישער לידער־זאמלונג).

ניט ווייניקער רעאקציִאָנער פונ אנ־סקינ אונ ניט מער וויסנשאפטלעכ איז נויעכ פּרילוצקיס פאָלקלאָריסטישע „קאָנצעפּציע". דער גאנצער פאָרוואָרט צו זײַנ ערשטנ באנד „ייִדישע פאָלקס־לידער" איז פול מיטנ שאָוויניזמ פונ די נאלעווקער קרעמער, צוגעווירצט מיט אָפּנארערישער רעליגיעזישקײַט אונ געמאכטער „דווייקעס".

„די נעשאָמע פונ ייִדישנ פאָלק ווער ס'וויל דערקענענ, די אומיטלבארע שטימ פונ ייִדישנ לעבנ ווער ס'וויל הערנ, דעמ ציטער פונ די אינטימסטע סטרונעס אינ ייִדישנ הארצ, ווער ס'וויל אופנעמענ — אינ טהאָמ פונ אונדזערע פאָלקס־לידער דער זאָל זיכ מיטנ קאָפּ אונטערטוקנ... הויכ־באוווסטזיניק אונ אינטענסיוו־עקזאלטירט איז דאָס ייִדישע רעליגיעזע געפיל, אויב עס האָט געקאָנט ארויסרופנ די אנטשטייונג פונ הונדערטער אזעלכע דערהויבנ־באגײַסטערטע, אומענדלעכ־באהארצטע, ווי קריש־טאָל לויטערע, ווי פסאָמימ באשמעקטע פאָלקס־לידער

„יוער איז נאָכ אזא גאָט,
ווי אובזער גאָט?
מי כאלהינו?"

1) ש. אנ־סקי, „עטנאָגראפיע אונ פאָלקלאָר", ז. 46.

אום סימכעסטווירע זינגט מען דאָס מערסטנטייל, דערביי ווערט געטאנצט. און ווי געטאנצט! מיט די הענט און מיט די פיס. דער קאָפּ, די אויגן, די ליפּן, איטלעכער מוסקול באַוועגט זיך, איטלעכס אָדערל צאַפּלט צום טאקט, אייַנזאַפּנדיק דעם היילקן אינהאַלט פון די ווערטער, באַשאַפנדיק אין גאַנצן אָרגאַניזם די זעלביקע שטימונג, וואָס באַהעפט דעם מענטשן מיט דער גאָטהייט" [1]).

ס׳איז קעדיי דאָ אָפּצומערקן, אַז אָט דער זעלביקער נויעך פּרילוצקי האָט אין דער זעלביקער צייַט אַרויסגעלאָזן אַ ביכל אייגענע לידער מיטן נאָמען „פּאַרן מיזבייעך", ווו ער האָט גענומען אַפּ זיך די גרויסע היסטאָרישע שליכעס צו פּאַרפּלאַנצן אין דער יידישער נאַלעווקעס־ליטעראַטור די אַרציבאַשעוו־סאַנינשע אידייען לויטן סאַמע ברוטאַלסטן נוסעך.

אין דעם דאָזיקן רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַליסטישן כאָר האָט געלאָזט הערן זייַן ווייכזיידענע שטים אויך דער דאָקטער מאַקס ווייַנרייַך. „וואָס וויל די פילאָלאָגיע? — פרעגט ער אין הייליקער באַלעבאַטישער טמימעס.—זי וויל אויספאָרשן אַלע אַנטפּלעקונגען פון דער פאָלקס־נעשאָמע, וואָס נעמט אָן אַ שפּראַכיקע פאָרם. דאָס איז קוידעמקאָל די שפּראַך גופע, אירע קלאַנגען, אירע פאָרמען, איר זאַץ־געבוי, וויַיטער די ליטעראַטור, און ענדלעך אַלצדינג, וואָס טראָגט אַפּ זיך נישט קיין ליטעראַרישן כויסעם און גייט אונטערן נאָמען „פאָלקס־שאַפונג": פאָלקס־לידער, שפּריכווערטער, מייסעלעך, רעטענישן א. ד. גל." [2]). גיט אומויסט האָט דאָ ניט לאַנג אַזוי שרעקלעך אופגעבראַוזעט דעם דאָקטערס גרימצאָרן אַפּ כאַווער שטיפס אַרטיקל „סאָציאַלע דיפערענציאַציע אין דער יידישער שפּראַך". אַ קלייניקייט! מע האָט פאַרטשעפּעט ווייַנרייַכס קאַסרילעווקער פאָלקס־נעשאָמע, וואָס ציט זיך פון באָד ביזן העקדעש און פון נאַלעווקעס ביז ניו־יאָרק [3]).

אויב אַן־סקי און זייַנע כאַווייריע האָבן געגעבן אַ מוסטער פון רעאַקציאָנער־שאָווויניסטישן צוגאַנג צו פאָלקלאָר, האָט כ׳ אויסלענדער, אין זייַן ראַדיקאַל־יידישיסטישן פּעריאָד, געגעבן אַ ניט ווייניקער בולעטן מוסטער פון אַ נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישן צוגאַנג צו פאָלקלאָר, צוגעווירצט מיט ראַדיקאַל־פאָלקיסטישער פראַוואָלאָגיע [4]). דאָס פאָלקלאָר־ליד איז לויט אויסלענדערן די פאַרקערפּערונג פון אַ נייַעם אופגעוואַכטן פאָלקס־באַוווסטזייַן. זייַן פאַרפאַסער איז דער פאָלקס־מענטש, דאָס „יודעלע", וואָס איז געקומען צום וואָרט. „מיר הערן אינעם פאָלקס־ליד די שטים פון יענעם פאָלקס־באַוווסטזייַן, וועלכער האָט פאַרקערפּערט אין די שפּריכווערטער די ערשטע זייַנע שריט

---

[1]) נ. פּרילוצקי. „יידישע פאָלקס־לידער", וואַרשאַ, 1911, ב. 1. ז. V—VIII.

[2]) „שטאַפּלען". ז. 6.

[3]) דעם מעטאַפיזיש־פאָלקיסטישן צוגאַנג צו ליטעראַטור האָבן מיר שוין אין דער יידישער ליטעראַטור סאָף 80־קער יאָרן, ווען די יידישע באַלעבאַטישע אינטעליגענץ איז געוואָרן נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטיש געשטימט. זע דעם אַרטיקל פון י. לערנער אין ספּעקטאָרס „הויז־פרייַנד" ב. 2, 1889 מיטן נאָמען „די יידישע מוזע" (יידישע פאָלקס־לידער), אין וועלכן ס׳ווערן, אגעוו, ציטירט פיל פאָלקס־לידער. לערנער שרייַבט דאָרט: „אַ פאָלק פילט און דענקט גלייַך ווי אַ יאָכיד, אַפילע אַ ראַבים קען האָבן אַ קאָפּ, וואָס דענקט, אַ האַרץ, וואָס פילט" (ז. 5). אונדזערע איצטיקע דאָקטוירים זייַנען, ווי ס׳איז צו זען, ווייַט פון לערנערן ניט אַוועק. וועגן י. ל. קאַהאַנס פאָלקלאָריסטישע „טעאָריעס"—זע ווייַטער, אין קאַפּיטל „רעוואָלוציאָנערער פאָלקלאָר".

[4]) „די גרונט־שטריכן פון יידישן רעאַליזם". ז. 32—46.

צו אַ נײַעם קולטור־נוסח"[1]. אין וואָס־זשע באַשטייט דער נײַער קולטור־נוסח? — אין רעאַליסטישן באַנעמען די וועלט. „דאָס פֿאָלקס־ליד פֿאַרקערפּערט דעם ערשטן עטאַפּ פֿון אונדזער נײַעם רעאַליסטישן קולטור־נוסח", עס האָט אָנגעהויבן צו „ווענדן די אויפֿמערקזאַמקייט אויף מענטשן און אויף דער „פֿרוי פֿאָרטונע", דעם אָביעקטיוון וועלט־סיידער, וואָס הערשט איבער אים"[2]. דאָס איז די סאָציאַלע פֿילאָסאָפֿיע פֿון דער ייִדישער פֿאָלקלאָר־דיכטונג. אָט דער דאָזיקער „רעאַליסטישער קולטור־נוסח", וואָס איז נים ווייניקער מעטאַפֿיזיש־פֿאַרנעפּלט, ווי די „ייִדישע נעשאָמע", ווי „דער אייביקער ייִדישער גײַסט", איז עס די נײַע שטופֿע פֿון אַנטוויקלונג פֿונעם ייִדישן פֿאָלקס־גײַסט, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אינעם פֿאָלקלאָר־ליד, אָן אונטערשייד, פֿאַרשטייט זיך, פֿונעם סאָציאַלן שיכט, אין וועלכן זי איז אויפֿגעקומען. ס'איז דעריבער ניט קיין וווּנדער, וואָס אויסלענדער מישט צונויף אין איין קאַשע דאָס ליד פֿונעם פּויעל (ג. און מ. נומ. 319) מיט דעם ליד פֿונעם קרעמער (דאָרטן, נומ. 304). אויף ביידע רוט די שכינע פֿונעם אויפֿגעוואַכטן פֿאָלקס־באַוווּסטזײַן. ס'וווּנדערט אַ גדו אויך ניט, ווען מיר דערוויסן זיך ווײַטער, אַז דאָס פֿאָלקלאָר־ליד פֿאַרמאָגט אַן אייגנהײַטלעכן סטיל, עס „מוסערט קיינעם נישט, פּריידיקט נישט פֿאַר קיינעם, עס הערט נאָר יעדן אויס"[3]. דאָס איז נעגייע דעס, אַזוי צו זאָגן, אינעווייניקסטן סטיל פֿונעם ייִדישן פֿאָלקלאָר־ליד. עס פֿאַרמאָגט אָבער אויך אַן אייגנהײַטלעכן אויסערלעכן סטיל: „דער קולט פֿון אַנאַכראָניזמען, וואָס איז אַזוי בולעט פֿאַרקערפּערט געוואָרן אין דער ספֿאָרים־קולטור, דער גאַנצער קאַלאָריט פֿון אָפּגעלעבטע עפּאָכעס און סוויווּעס, וואָס לאָזט זיך הערן אין אַלע נאַטור־באַשרײַבונגען, ווי עס פֿיגורירט נאָך אַדײַעם דער באַרג לעוואָנען און די צעדערביימער — אָט דאָס אַלעס האָט אויפֿן ייִדישן פֿאָלקס־ליד קיין שליטע נישט געהאַט. דער רעאַליסטישער נוסח פֿונעם ייִדישן פֿאָלקס־שאַפֿן ווערט די אײַנגעבוירענע פּאָעטישע מאַניר פֿונעם פֿאָלקס־דיכטער, און זי גייט באַנאַנד מיט דער אַנטוויקלונג פֿון זײַן רעאַליסטישן באַוווּסטזײַן"[4].

אויב אַן־סקי האָט, לויט איין נאַציאָנאַליסטישן נוסח, דעם גאַנצן פֿאָלקלאָר טעאָלאָגיזירט, האָט אים אויסלענדער, לויט אַן אַנדער נאַציאָנאַליסטישן נוסח, ראַדיקאַליזירט: אַן איין־און־איינציק אויפֿגעוואַכטער פֿאָלקס־באַוווּסטזײַן, אַן איין־און־איינציק אויסגעהאַלטענער רעאַליסטישער פּאָעטישער סטיל. ס'איז גאַנץ אויסגעהאַלטן, אָבער, ליידער, פֿונעם ראַדיקאַל־ייִדישיסטישן שטאַנדפּונקט, פֿאַר וועלכן ס'עקזיסטירן אַלגעמיינע פֿאָלקס־באַוווּסטזײַנס און אַלגעמיינע פֿאָלקס־סטילן.

בורזשואַז־רעאַקציאָנער, אײַנגעהילט אין אַ פֿאָרמאַליסטישן שלייער, איז אויך דער צוגאַנג צום פֿאָלקלאָר־ליד פֿונעם כ' גאָלדבערג אין זײַן אַרבעט „באַמערקונגען וועגן פּאָעטישן שטייגער פֿון ייִדישן פֿאָלקס־ליד" („צײַטשריפֿט" I. אויסג. פֿון ייִדישן סעקטאָר פֿונעם אינסטיטוט פֿאַר ווײַסרוסלענדישער קולטור 1926). ער האָט אויסגעפֿאָרשט דעם פּאָעטישן שטייגער פֿונעם פֿאָלקלאָר־ליד אומאָפּהענגיק פֿון זײַן סאָציאַלן טאָכ—

---

1) „די גרונט־שטריכן פֿון ייִדישן רעאַליזם". ז. 32.

2) דאָרטן, ז. 38.

3) דאָרטן, ז. 42.

4) דאָרטן, ז. 46.

האָט זיך באַקומענ באַ אים הוילער דעסקריפּטיווער פאָרמאַליזם, וואָס איז אַלעמאָל זייער ווייניק באַלערנדיק. אָנגעהויבנ האָט כ׳ גאָלדבערג זײַנ אַרבעט מיטנ ריכטיקנ געדאַנק, אַז „די מיטאָלאָגישע שולע, וואָס האָט גערעדט וועגנ „מיסטישנ פאָלקס־גײַסט" אונ האָט באַנוצט דעמ האַלב־מעטאַפיזישנ באַגריפ פונ אַ ניט־דיפערענצירטער „סטאַמ־פאָלקס־מאַסע", האָט שוינ איצט פאַרלוירנ איר שליטע אינ געביט פונ פאָלקלאָר"[1]. דוכט זיך גוט. אָבער אָנשטאָט דער „ניט־דיפערענצירטער פאָלקס־מאַסע" האָט כ׳ גאָלדבערג אויסגעשטעלט דעמ שאַפנדיקנ יאָכיד, דעמ אינדיוויד. עמעס, „דער דאָזיקער שאַפנדיקער אינדיוויד האָט, פאַרשטייט זיך, געהערט צו אַ געוויסער סוויווע, קלאַס, צײַט"[2]. נאָר דאָס האָט לוימנ כ׳ גאָלדבערג קענטיק געשפּילט אַ קליינע ראָל. דער שאַפנדיקער אינדיוויד „האָט אויך געהאַט אינ זיך פיל אינדיווידועלעס: ער האָט געקענט זײַנ טאַלאַנטפול אָדער טאַלאַנטלאָז", אונ דאָס איז דער איקער. אינעמ גאַנצנ אַרטיקל גייט דורכ דער גרונט־געדאַנק, אַז אינעמ פאָלקלאָר ביכלאַל אונ אינעמ יידישנ פאָלקלאָר ביפראַט הערשט אַ געוויסער קאַנאָנ, אַ פונ דרויסנ אײַנגעשטעלטער שטייגער, אַ פאַרגליווערטע פאָלקלאָר־טראַדיציע, וואָס האָט געווירקט אומאָפּהענגיק פונ די סאָציאַלע שיכטנ, וועלכע האָבנ דאָס פאָלקלאָר־ליד געשאַפנ. מעמיילע איז אומנוצלעך זיך צו פאַרנעמענ מיט סאָציאַלע כקירעס. ס׳איז גלײַכער דערלערנענ די פּאָעטישע סטאַטיק, אונ אזוי טוט טאַקע דער כ׳ גאָלדבערג: ער קלאַסיפיצירט דעמ מאַטעריאַל לויט פאָרמעלע סימאָנימ: דער שטייגער פונ דערציילערישנ ליד, דער רעמאָזימ־שטייגער פונ לירישנ ליד. עמעס, אויכ דורכ אָט דעמ דיקנ שיכט פאָרמאַליזמ האָט זיך באַמ כ׳ גאָלדבערג אינ איינ אָרט דורכגעריסנ אַ באַמערקונג פונ גאָר אַנ אַנדער שניט: „פאַר דעמ רעליגיעזנ דערציילערישנ ליד, וואָס רעדט וועגנ יידישע יאָנטויוימ יידישע צאָרעס, גזיירעס, איבערהויפּט פאַר די לידער, וואָס קומענ אַרויס פונעמ „לאָמדימ־שטאַנד", איז דאָס ראָוו כאַראַקטעריסטיש אַנ אַנדער שטייגער"[3]. אָבער די דאָזיקע באַמערקונג איז געבליבנ ניט אַנטוויקלט. דער גאַנצער אַרטיקל פאַרנעמט זיך מיט ריינ פאָרמאַליסטישע פעסטשטעלונגענ.

כ׳ ווינער איז דעריבער פולקומ גערעכט, ווענ ער ווײַזט אָנ אינ זײַנ אַרטיקל „די אויפגאַבעס פונ דער עטנאָגראַפישער פאָרשונג", אַז „אַכוץ באַוווּסטע אונ פּוסטע יאָנטעוו־אַנקעטעס, אַכוץ די באַנאַלע אונ סענטימענטאַלע פראַזעס באַ די אַנ־סקיס, פּרילוצקיס אונ י. ל. קאַהאַנס וועגנ „פאָלקסטימלעכקײַט", „פאָלקס־גײַסט" אונ אַכוץ עטלעכע זייער אַלגעמיינע אונ שטאַרק סאָפעקדיקע באַמערקונגענ וועגנ עטלעכע געשיכטלעכע דעטאַלנ אינ דער יידישער עטנאָגראַפיע אונ אינעמ פאָלקלאָר—האָט .אויכ אינ פּראַט פונ קאָנקרעטע מאַטעריאַלנ־אויספאָרשונג די יידישיסטישע „וויסנשאַפט" נישט איבערגעלאָזט קיינ שומ יערושע"[4]. מיר באַדאַרפנ אַלצ אָנהייבנ פונדאָסנײַ.

---

[1] „צײַטשריפט". ז. 105.

[2] דאָרטנ.

[3] דאָרטנ, ז. 112. דער טערמינ „לאָמדימ־שטאַנד" איז אַ פאַלשער.

[4] „עמעס" 1931, נומ. 226.

2. וועגנ אייניקע פראָבלעמעס פונ דער מארקס־לענינישער פאָלקלאָריסטיק

קעגנ דער רעאקציאָנערער פלוידערײַ פונ דער בורזשואז־מעטאפיזישער פאָלקלאָריסטיק שטעלט די מארקסיסטישע פאָלקלאָריסטיק ארויס איר גרונט־האנאָכע, אז דאָס פאָלקלאָר־שאפנ, ווי יעדער אנדער קינסטלעריש שאפנ, איז א געווער פונ קלאסנקאמפ, דריקט אויס די פסיכאָלאָגיע פונ באשטימטע סאָציאלע שיכטנ, דריקט זי אויס מיט די קינסטלערישע מיטלענ, וועלכע אנטשפרעכנ די קאָנקרעטע אידעאָלאָגישע אופגאבעס, וואָס דער „אווטער“ פונעמ פאָלקלאָר־ווערק האָט פאר זיכ געשטעלט, מיט די שפראכ־סטיליסטישע מיטלענ, וועלכע זײַנענ אייגנשאפטלעכ פאר דעמ סאָציאלנ שיכט, וואָס אינ זײַנ סוויווע איז דאָס פאָלקלאָר־ווערק געשאפנ געוואָרנ.

אָבער דאָ קומענ די קעגנער פונעמ מארקסיסטישנ צוגאנג צומ פאָלקלאָר־שאפנ מיט א „הארבער טײַנע“: ס'איז ריזיקאליש, זאָגנ זיי, צו ריידנ וועגנ קלאסעווע אידעאָלאָגיש־קינסטלערישע יעסוידעס פונ א פאָלקלאָר־ווערק, ווײַל עס קענ זיכ ארויסווײַזנ, אז אָט דאָס ווערק איז פאָפולער אויכ בײַ קעגנזעצלעכע סאָציאלע שיכטנ. אז אזא דערשײַנונג קענ זיכ ארויסווײַזנ און האָט זיכ טאקע ארויסגעוויזנ — דאָס איז א פאקט. אָבער וואָס איז דערפונ געדרונגענ? צי דענ טרעפט זיכ עס בלויז מיט פאָלקלאָר־שאפונגענ? „צי דענ, פרעגט מיט רעכט דער סאָוועטישער פאָלקלאָריסט יו. מ. סאָקאָלאָוו, קענ די געשיכטע פונ דער ליטעראטור ניט אופווײַזנ פאלנ, ווענ א ווערק, וואָס איז געשאפנ געוואָרנ אינ איינ סאָציאלער סוויווע, באקומט א נאָכפרעג אינ א צווייטער סאָציאלער סוויווע? צי קענ מענ אָבער דערפונ מאכנ אנ אויספיר, אז א פאָעטיש ווערק ווערט זיכ אינ אזא פאל ארויסווײַזנ סאָציאל נייטראל? אויב אפילע דער טעקסט בלײַבט אויסערלעכ אומפארענדערט, ענדערנ זיכ דאָכ די סיבעס פונעמ לייענערישנ נאָכפרעג. די לייענערישע אינטערפרעטאציע, די אופנעמ־פסיכאָלאָגיע זײַנענ ניט קיינ גלײַכגילטיקע זאכ“[1], ביפראט נאָכ, ווענ מיר האָבנ צו טאָנ מיט פאָלקלאָר־שאפנ, ווו די אינטערפרעטאציע פונ דער נײַער סאָציאלער סוויווע ווערט גאנצ אָפט אָביעקטיווירט אינ ענדערונגענ פונ טעקסט גופע.

אָט זײַנענ א פאָר בײַשפּילנ פונעמ ייִדישנ פאָלקלאָר. דער אקראָסטיכ איז, ווי באוווּסט, א טראדיציאָנעלע איבערבלײַבעניש פונעמ ריטואלנ שאפנ. האָט דער „קליי־קוידעש“ געזונגענ מיטנ ניגנ פונ „אקדאָמעס“:

„אלעפ — אנ אָדלער טוט אונטערנ הימל פליִענ,
בייז — א בארנבוימ טוט אלע זומער בליִענ,
גימל — א גאלעכ טוט זיכ צו דער אווידעזאָרע קניִענ“.

אפ א געוויסער נאָכ אָפגעשטאנענער שטופע פונעמ דערוואקסנ פונ זייער סאָציאלנ באוווּסטזײַנ האָבנ אויכ די ארבעטנדיקע באנוצט דעמ אקראָסטיכ. איז בײַ זיי ארויסגעקומענ:

---

[1]) „Литература и марксизм“ 1928, № 2, стр. 32—33.

„אלעפ — אינדיקעס עסט דער נאָגיד,
בייז — ביינדעלעך גריזשעט דער אָרעמאַן,
גימל — געגדזעלעך עסט דער נאָגיד" א. אז. וו. [1]).

אָנשטאָט גאַלאָכים מיט אוווידעזאָרעס איז געקומען א מער אקטועלע טעמע — די קעגנזאצן צווישן נאָגיד און אָרעמאַן. און ווען די דאָזיקע „איבערדיכטונג" איז פאָרגעקומען — אַז זי איז פאָרגעקומען לעפּערעך ניט לאנג צוריק — אנטפּלעקן די לעצטע צוויי שורעס:

„שין — שערעשעווסקיס פּאַפּיראָסן רויכערט דער נאָגיד,
טאָפּ — כוטין פּיפּקעט דער אָרעמאַן".

שערעשעווסקי — א באַוווּסטער יידישער קאַפּיטאַליסט אין גראָדנע, א באַלעבאָס פון א גרויסער טאַבאַק- און פּאַפּיראָסן-פאבריק. זיינע פּאַפּיראָסן „רויכערט" דער נאָגיד. דער אָרעמאַן אָבער „פּיפּקעט" בלויז פּראָסטן טוטין, אַפן זעלבן אויפן, ווי דער נאָגיד „עסט" און דער אָרעמאַן „גריזשעט".

דאָס באַוווּסטע מאַסקילישע פאָלקלאָר-ליד „קום אהער, דו פילאָזאָף" איז פארוואַנדלט געוואָרן אין דער ארבעטער-סוויווע אין אזא וואַריאַנט:

„איר נארישע ציוניסטן
מיט אייער קעצענעם מויעכל,
קומט ארויס צום ארבעטסמאַן
און לערנט בא אים סייכל" [2]).

שאָלעם-אליינכעמס באַרימטע וויג-ליד „שלאָף, מיין קינד", וואָס איז אין די 90-קער יאָרן פארוואַנדלט געוואָרן אין א שטאַרק-פארשפּרייטן פאָלקלאָר-ליד, און גינזבורג און מארעק האָבן עס בעטאָעס ארייַנגענומען אין זייער זאַמלונג (נומ. 82) — האָט אין דער ארבעטער-סוויווע באַקומען גאָר אן אנדער אויסזען. שאָלעם-אליינכעם שרייבט:

„אין אמעריקע איז דיין טאַטע
דיינער, ליו-ליו-ליו!"

און דאָס ארבעטער- פאָלקלאָר-ליד זינגט:

„אין סיביר איז דיין טאַטע,
שלאָף, מיין זונעניו!" [3]).

פארשוווּנדן געוואָרן איז פונעם ליד דער באַלעבאַטישער אידעאַל „דאָרטן עסט מען אומערוואָכן כאַלע". אָנשטאָט דעם דערציילט די מוטער איר קינד —

„דו הערסט דאָס ליד פון מיר זינגען
מיט אָפענע אויגן.
אַך, דיין פאָטער איז אין סיביר,
ער וואָלט מיט פליגלען אהער געפלויגן".

---

[1]) ביידע וואַריאַנטן בא קיפּניסן. „פּאַיקס-לידער" צווייטער טייל. ז. 115, 119.
[2]) לעמאַן. „ארבעט און פרייהייט". ז 70.
[3]) דאָרטן, ז. 105.

אין אן אנדער װאריִאנט דערציילט די מאמע דעם קינד ניט װעגן „ייַכעלעכ“ און „דאָלערס“, נאָר װעגן דעם אינטערשייד צװישן אָרעמ און רייַכ.

אזוי װערט איבערפאָרמירט דאָס פאָלקלאָר־ליד אָפּהענגיק פונ דער פסיכאָ־אידעאָלאָגיע פונ דעמ סאָציִאלנ שיכט, װאָס נעמט עס איבער. „פונדאנענ שטאמט דער אזוי פארנ פאָלקלאָר נאטירלעכער און געװיינלעכער געזעצ פונ סאָציִאל־היסטאָרישע אָנשיכטונגען, נאָר אָט די אָנשיכטונגען זייַנען װייַט ניט ענלעכ אפ די אָנשיכטונגען פונ געאָלאָגישע פלאסטנ, װו איינ פלאסט טיילט זיכ אָפּ גענוג בולעט פונעמ צװייטנ: די „אָנשיכטונגען“ אינ פאָלקלאָר, װי א דערשייַנונג פונ װאָרטלעכ־קינסטלערישער אָרדענונג, טראָגנ אָפט א טיפ־אינערלעכנ כאראקטער — זיי ענדערנ מיט זיכ די קינסטלערישע געשטאלט גופע, גייענ אריַינ אינעװייניק אינ דער קאָמפּאָזיציע, טראָגנ אריַינ פיל נייַע איינצלהייַטנ, שטויסנ ארויס די פריִער געװעזענע, און מיט דעמ אלעמענ אנדערשנ זיי איבער אפ א נייַעמ אויפנ די אידעאָלאָגיע פונעמ װערק“ [1]). אָט זייַנענ א פּאָר מוסטערנ. דער יעשיװע־באָכער זינגט אינ זייַנ ליד:

„לייג איכ מ׳ר שלאָפנ
אפנ הוילנ באנק,
שטיי איכ מיר אופ
טויט־קראנק“.

די דאָזיקע סטראָפע איז זייער גוט צוגעפאסט געװענ פארנ געמיט־צושטאנד פונעמ פויעל אינ די יאָרנ פונ זייַנ שוידערלעכסטער עקספּלואטאציע, דערשלאָגנקייַט, הילפלאָזיקייַט. האָט ער זי אויסגענוצט, דערבייַ אָבער צוגעשאפנ א סטראָפע, װאָס פירט אװעק דאָס בילד אינגאנצנ אינ אן אנדער ריכטונג:

„איכ שטיי דאָכ אופ גאנצ פרי,
איכ זעצ מיכ צום געניי,
דער גופ איז פארטריקנט,
איכ װיל א גלעזל טיי“ [2]).

און ארויסגעװאָרפנ די ניט פאסיקע טראָפע:

„באלעבאָסטעניו, באלעבאָסטעניו,
גיט מיר עפּעס עסנ,
זי דרייט זיכ ארום גאניק,
זי מיינט, אז כ׳װעל פארגעסנ.
אוי, אז װיי איז מיר,
אז װיי איז מייַנע יאָרנ,
װאָס האָב איכ געדארפט

פונ דער היימ אװעקפאָרנ.
די באלעבאָסטע זאָגט מיר:
עס אינ דרינק און שעמ זיכ ניט,
און אינ הארצנ טראכט זי זיכ:
צו דער בולקע נעמ זיכ ניט.
אוי, אז װיי איז מיר“ א. אז. װ.

---

1) Проф. Б. М. Соколов. Русский фольклор, выпуск I, стр. 7.
נאָכ בייַשפּילנ פונ איבערארבעטונגענ — װייַטער.

2) געבראכט אינ סקודיצקיס זאמלונג „פאָלקלאָר־לידער“, מאָסקװע 1933, װו ס׳איז אויכ אָפּגעמערקט די פארבינדונג מיט די װאריִאנטנ. זע ז. 18, 55. א װאריִאנט פונעמ דאָזיקנ ליד האָט מיר אויכ מיטגעטיילט כ׳ שנייער, אנ אָדעסער זאמלער פונ פאָלקלאָר. פאר דער דאָזיקער מיטיילונג, װי פאר אנדערע מיטיילונגענ — דעמ כ׳ שנייער א הארציקנ דאנק.

„די באלעבאָסטע זאָגט אונדז:
„עסט, קינדערלעך, צו זאַ״
און אין האַרצן טראַכט זי:
מע פרעסט ווי א סאָלדאַט״.
(קיפּניס „80 פאָלקס־לידער״ ז. 55)

ווייל די באלעבאָסטע איז אפילע אויסערלעך קיינמאָל אזוי איידל ניט געווען צו די פּויעלים, באזונדערס צו די לערניינגלעך.
אט איז די עמעסע געשטאַלט פון דער באלעבאָסטע:

„און דאָ שלעפּט צו די באלעבאָסטע
די שטיקעלע ברויט.
זאָגט זי נאָך א קלאָלע:
„מ׳זאָל דיך געפינען דערוואָרגענערהייט״.
(גינזבורג און מארעק נומ. 319)

אן אנדערש מאָל ווערט אנטליען אן אָנהייב פון א פּאָפּולער ליד בא קרויווישע סאָציאַלע שיכטן און ווערט פאָרגעזעצט אין אן אנדער ריכטונג. אן ארבעטער־ליד הייבט זיך אָן מיט אזא סטראָפע:

„מיר זיינען דאָס פאָלק, וואָס מיר זינגען לידער,
און די הילף איז פון אונדז אליין,
נעמט זיך צונויף, שוועסטער און ברידער,
גיט איינס דעם צווייטן צו פארשטיין״.

מיר דערמאנען זיך גלייך וואַרשאַווסקיס ליד:

„גרויסער גאָט, מיר זינגען לידער,
אונדזער הילף ביסטו אליין,
נעמט צונויף די סנאָפּעס, ברידער״ א. אז. וו.

אָבער ווי עס איז געענדערט געוואָרן די סטראָפע אין דעם ארבעטער־ליד! און ווייטער, געבוירן געוואָרן, רייסט זיך דאָס ליד איינגאַנצן אָפּ פון זיין געבורט־נאָפּל, אנטוויקלט זיך זעלבשטענדיק, פארקערפּערנדיק דורכויס דעם אידעאָלאָגישן צושטאנד פון דעם ארבעטער־זינגער. פון א באלעבאטישער „אין דער סאָכע ליגט די מאזל־בראָכע״־ליד איז געוואָרן א קאמף־ליד, וואָס פארענדיקט זיך:

„נעמט זיך צונויף, שוועסטער און ברידער,
נעמט זיך צונויף אינאיינעם!
הייבט נאָך אוף די פאָן נאָך העכער
און האָט ניט מוירע פאר קיינעם״.

דאָס אלץ, וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרן וועגן דער פאָלקלאָר־איבערוואנדערונג פון איין סאָציאַלן שיכט צום צווייטן, האָט אויך א שייכעס צו דער פאָלקלאָר־איבערוואנדערונג פון איין לאנד צום צווייטן, פון איין פאָלק צום צווייטן. דאָס פאָלקלאָר־שאפן פון יעדן פאָלק איז טאקע פול מיט אזוינע איבערגעוואנדערטע שאפונגען. אָבער די איבערוואנדערונג קומט ניט פאָר אזוי מעכאניש, און מע דארף, ווי עס שרייבט י. סאָקאָלאָוו: „פון איין זייט זוכן די סאָציאַלע סיבעס פון דער אריבערנע־מונג און פון דער אנדערער זייט דארף מען זיך דערוויסן, אין וואָס האָט זיך פארוואנדלט. אפן נייעם נאציאָנאלן און קלאסעווון באָדן דאָס געגעבענע ווערק,

וואָסערע כאראקטעריסטישע באזונדערקייטנ האָט עס באקומענ אי אינ דער אידעאָלאָגיע, אי אינ די געשטאלטנ, אי אינ סטיל אונ שפּראכ" [1].

פונ דער אנדערער זײַט, איז ניט אויסגעשלאָסנ, אז פאָלקלאָר־שאפונגענ, וואָס זײַנענ א פּסיכאָ־אידעאָלאָגישער פּראָדוקט פונ איינ סאָציאלנ שיכט, זאָלנ פארשפּרייט ווערנ אויכ בא א צווייטנ סאָציאלנ שיכט אינ א ניט טראנספאָרמירטנ אידעאָלאָגיש־קינסטלערישנ אויסזענ. דאָס איז אינ דעם פאל, ווענ אנ עקאָנאָמיש אונטערגעדריקטער סאָציאלער שיכט געפינט זיכ אונטער דער אידעאָלאָגיש־קולטורעלער העגעמאָניע פונעם הערשנדיקנ שיכט. די יידישע קלעריקאל־שאָוויניסטישע פאָלקלאָר־לידער פלעגנ ניט זעלטנ געזונגענ ווערנ אויכ אינ די האָרעפּאשנע שיכטנ, אָבער דאָס הייסט ניט, אז די האָרעפּאשנע שיכטנ האָבנ זיי געשאפנ. מע דארפ נישט צונויפמישנ דעמ געברויכער פונ דער אָדער יענער פאָלקלאָר־שאפונג מיטנ פּראָדוצירער.

אינ צוזאמענהאנג מיט דעמ קומענ מיר צו א צווייטער פראגע:

וואָסערע סאָציאלע שיכטנ פּראָדוצירנ פאָלקלאָר?

בענעגייע דעמ יידישנ פאָלקלאָר־ליד איז פארשפּרייט א מיינונג, אז עס איז געשאפנ געוואָרנ בלויז אינ דער סוויווע פונ באלמעלאָכעס. די דאָזיקע ווערסיע האָבנ אונדזערע פאָלקיסטנ גענומענ אפּ פּראָקאט בא מענדעלע מויכער־ספאָרים. אינ „שלוימע רעב כאימס" לייענענ מיר:

„דאָרט בא די פּויעלים ווערנ אָפט געזונגענ לידלעכ, אייגענע ארבעט טאקע, וואָס גייענ דערנאָכ ארויס אפ דער וועלט, צווישנ אוילעמ, פאלנ ארײַנ אינ מויל צו מיידלעכ, דינסטמיידלעכ אונ באקומענ דעמ נאָמענ פאָלקס־לידער... מע קענ מיט רעכט זאָגנ, אז בא די באלמעלאָכעס האָט געטליעט א פּאָעטישער פונק, זיכ געלאָזט פילנ א יונגע, פרישע נעשאָמע, אונ דערמיט טאקע לאָזט זיכ דערקלערנ זייער אומגאנג מיט כאוויירימ, מיט קינדער, זייער ליבשאפט אדהאיאָמ צו שרײַבער, פּאָעטנ".

פונעמ גאנצנ טעקסט איז קלאָר, אז מענדעלע האָט דאָ אינ אויג בלויז א באשטימטנ זשאנר לידער, ליבע־לידלעכ [2] (אז מענדעלע האָט געוווסט פונ פאָלקלאָר־לידער פונ אנדערע שיכטנ, זעענ מיר אינ „טאקסע"), אונ די יידישיסטישע פאָלקלאָריסטנ האָבנ עס אריבערגעטראָגנ אפנ גאנצנ פאָלקלאָר. די „באלמעלאָכעס"־טעאָריע איז אוועק שפּאצירנ איבער דער וועלט. כ' אויסלענדער האָט אפ איר אויסגעבויט זײַנ גאנצע שיטע וועגנ „אופגעוואכטנ פאָלקס־באוווסטזײַנ" (זע אויבנ), פונקט ווי די רוסישע פאָלקיסטנ האָבנ געטײַנעט, אז די פּויערימ זײַנענ די איינציקע שעפער פונעמ רוסישנ פאָלקלאָר אונ זיי זײַנענ עס די איינציקע אויסדריקער פונעמ „דעמאָקראטישנ" רוסישנ פאָלקס־גײַסט. אינטערעסאנט, אז אינ דער הינזיכט זײַנענ די ערשטע ארויסגעבער פונ יידישע פאָלקלאָר־לידער, גינזבורג אונ מארעק, געווענ פּראָגרעסיווער פונ די שפּעטערדיקע יידישיסטנ. אינעמ ארײַנפיר צו זייער פאָלקלאָר־זאמלונג לייענענ מיר:

„ניט אלע שיכטנ פונ פאָלק האָבנ געשפּילט אינ דעמ פראט (פונ שאפ:) איינ אונ די זעלביקע ראָל. ווי עס באמערקט זיכ אויכ בא די איבעריקע פעלקער, איז

[1] „Литература и марксизм" 1928 № 2, стр. 45.

[2] אויכ בענעגייע צו דעמ דאָזיקנ זשאנר איז דאָס ניט ריכטיק.

אויכ בא יידן דער פּראָצעס פונ שאפנ געווענ אינטענסיווער אינ די נידעריקע סאָציאַלע שיכטנ, ווי אינ די העכערע: פּרויענ, קינדער, ארבעט־פאָלק, סאָלדאטנ — אָט דאָס איז די ספערע, ווו דאָס ליד איז אופגעקומענ אונ זיכ פארהיט" [1].

ס'איז אָנ סאָפעק, אז בא די נידעריקע אונטערדריקטע סאָציאַלע שיכטנ איז דאָס פאָלקלאָר־שאפנ געווענ אינטענסיווער. בא זיי איז דאָס פאָלקלאָר־שאפנ געווענ קימאט דער איינציקער אויסדרוק־מיטל. אָבער דאָס הייסט ניט, אז די העכערע שיכטנ האָבנ קיינ שייכעס ניט צומ פאָלקלאָר־שאפנ. אפילע „אפּריאָרי" גענומענ איז עס אומעגלעכ זיכ פאָרצושטעלנ. בעעמעס, מיט וואָס האָבנ אויסגעפילט די באַלעבאַטישע שיכטנ זייערע סימכעס, בריסנ אונ כאסענעס, שאַבאָסימ אונ יאָנטויווימ, סודעס אונ הוליאַנקעס? אָט האָט מ. ווארשאווסקי אימיטירט א פאָלקלאָרישע כאסענע־ליד „די מיזינקע אויסגעגעבנ". איז ווער־זשע פיגורירט אינעמ דאָזיקנ ליד? — א באַלעבאַטיש־נעגידישער מעכותנ, וואָס זינגט: „אוי, אוי, איכ אליינ האָב מיט מיינע אויגנ געזענ, ווי גאָט האָט מיכ מאצליעכ געווענ". עמעס, ווארשאווסקי האָט מיט זיינע פאָלקלאָרישע אימיטאציעס אויסגעפילט די סאָציאַלע באשטעלונג פונ דער באַלטשוועדיקער, נאציאָנאליסטיש־געשטימטער בורזשואזער אונ קליינבירגערלעכער אינטעליגענצ פונ די 90־קער יאָרנ (שאָלעמ־אליײכעמ דערציילט: „ס'איז קימאט ניט אוועקגעגאנגענ איינ אָוונט, איינ ציוניסטישע פארזאמלונג, מע זאָל אונדז ניט שלעפּנ פונ „קרעשטשאטיק" אפ „פאָדאָל" אונ פונ „פאָדאָל" אפ „קרעשטשאטיק". איכ האָב געמוזט עפּעס פאָרלייענענ, אונ ווארשאווסקי האָט געמוזט עפּעס זינגענ, אונ ניט „עפּעס" זינגענ, נאָר דאַקע אסאכ זינגענ" [2]), אָבער דער פאקט, וואָס ווארשאווסקי האָט גראָד אימיטירט א פאָלקלאָריש כאסענע־ליד פונ א באַלעבאַטיש־נעגידישער סוויווע, באווייזט דאָכ, אז אינ דער דאָזיקער סוויווע האָט דאָס פאָלקלאָר־שאפנ פארנומענ אנ אָרט [3]. אונ ס'איז בעעמעס גענוג אפילע נאָר אויבנופיק דורכצובלעטערנ די פאָלקלאָר־זאמלביכער, וואָס מיר פארמאָגנ, קעדיי זיכ איבערצוצייגנ, אז אינעמ שאפנ פאָלקלאָר האָבנ גענומענ אנ אָנטייל די פארשיידנסטע סאָציאַלע שיכטנ אונ האָבנ אָפּגעשפּיגלט אינ אימ זייער שטייגער, אָנשויונגענ, פּסיכאָלאָגיע, שפּראַכ־סטיל [4].

וואָס איז שייעכ דעמ רוסישנ פאָלקלאָר, האָט שוינ די סאָוועטישע פאָלקלאָריסטיק פעסטגעשטעלט, אז א גרויסנ אָנטייל אינ זיינ שאפנ האָבנ גענומענ „פארשיידענע שיכטנ פונ קלעראָס אונ פירשטלעכער דרוזשינע", אז אינ דער אומצאָליקער מאסע פאָלקלאָר איז אומבאשטרייטלעכ פאראנ (אונ יערער פאָרשער ווייסט עס) פיל לידער, דערציילונגענ, שפּריכווערטער פונ א ניט פויערשער אָדער ביכלאל ניט האָרעפּאשנער סוויווע, נאָר זיי זיינענ געשאפנ געוואָרנ צומ געברויכ פונעמ האנדל־

---

1) גינזבורג אונ מארעק. „פאָלקס־לידער" 1901, ז. XIII.

2) מ. ווארשאווסקי. „יידישע פאָלקס־לידער", 2־טע אויסג. ז. XI.

3) פארגל. אגעוו, ווארשאווסקיס כאסענע־ליד מיט דעמ כאסענע־ליד בא ג. אונ מ. נומ. 259, וואָס שפּיגלט אויכ אָפּ די באַלעבאַטיש־פעסטע סוויווע.

4) דאָס, וואָס דער באַלעבאַטיש־נעגידישער גראד האָט „אליינ", מעגלעכ, ניט געשאפנ קיינ פאָלקלאָר, נאָר ער האָט געהאט „צושטעלער" פונ די פונ אימ אָפּהענגיקע מענטשנ — דאָס ענדערט ניט סאָפּקאָלסאָפּ די לאגע.

קלאס״ [1]). „די אזויגערופענע פאָלקס־פּאָעזיע איז אויסער יעדער סאָפּעק אינ א געוויסער מאָס בלויז געיארשנט אונ איבערגעארבעט געוואָרנ פונעמ פויערטומ, אונ אופגעקרמענ איז זי אינ אנדערע סאָציאַלע גרופּעס, ניט זעלטנ אינ דער סוויווע פונ די הערשנדיקע קלאסנ״ [2]).

די סאָציאַל־אידעאָלאָגישע טענדענצ פונ דער מיינונג, אז די פאָלקלאָר־לידער ווערנ געשאפנ בלויז דורכ די נידעריקע שיכטנ, איז בוילעט אויפּלעקט בא באלמאכשאָוועסנ. אינ זײַנע „געקליבענע שריפטנ״ ערשטער באנד, ארטיקל „ווי אלט איז די זשארגאָנישע ליטעראטור״ לייענענ מיר:

„די יידישע פאָלקס־לידער זײַנענ מערסטנס באשאפנ געוואָרנ סאָפּ 18־טנ יאָרהונדערט ביז אינמיטנ פונ 19־טנ. די לאָמדימ אונ אלע די קלייקוידעש שפּילנ אינ זיי שוינ קימאט קיינ ראָליע. די העלדנ פונ דער פּאָעזיע זײַנענ דאָס יידישע קינד, די יידישע פרוי, די יידישע קאלע, די יידישע שנור, דער באלמעלאָכע, דער רעקרוט אונ דער אָרעמאנ... די מערסטע פאָלקס־לידער שטייענ אפּנ יעסאָד פונ אונדזער אלטער רעליגיעזער קולטור, אונ כאָטש זיי פארטשעפּענ אָפּטאראָו, א דײַענ, א פּארנעס, פונדעסטוועגנ איז זייער אידעאל דער אייגענער, ווי בא די לאָמדימ פונ פרומענ קלאס... אונ כאָטש עס רײַסט זיכ ארויס באמ פאָלק א וואָרט אפּ אונדזערע פּארנייסימ אונ ראבאָנימ... פונדעסטוועגנ, אז עס קומט א יאָנטעוו, א סימכעסטוירע זינגט דאָס פאָלק: וואָס מיר זײַנענ מיר, אָבער יידנ זײַנענ מיר״ [3]).

מיר פארשטייענ שוינ איצט, וווּ האָט דאָ באלמאכשאָוועסנ דער שוכ געקוועטשט. די קליינבירגערלעכ־נאציאָנאליסטישע טענדענצ ווערט דאָ אנטפּלעקט אפּ אנ אויסטערלישנ אויפנ: דעמ פאָלקלאָר האָבנ געשאפנ די אונטערדריקטע מאסנ, די דאָזיקע מאסנ האָבנ, נישט געקוקט אפּ זייער ביטערנ גוירל, דאָכ פארהיט „דאָס פּינטעלע ייד״. דאָס פאָלק איז געטרײַ די „אייביקע״ אידעאלנ פונ דער „יידישקײַט״, די „אייביקע״ זײַלנ פונ „יידישנ גײַסט״.

באלמאכשאָוועסעס „טעאָריע״ איז א פּראָדוקט פונ דער צײַט, ווענ דער יידישיזמ האָט נאָכ קאָקעטירט מיט די נידעריקע שיכטנ. שפּעטער מיט יאָרנ, ווענ דער יידישיזמ איז „געקומענ צומ באלעבאטישנ סייכל״, האָט ער געמאכט אויכ א פארקערטנ פּרווו: ווענדיק זיכ אײַנקויפנ אינ באלעבאטישנ ייכעס, האָט ניגער באמיט זיכ צו דערווײַזנ, אז פאָלקלאָר האָבנ געשאפנ ניט בלויז דינסטמיידלעכ, נאָר אויכ שיינע באלעבאטימ (זע „פּינקעס״ 1912. ז. 86).

מיר ווילנ אונ מיר ווערנ אראָפּרײַסנ דעמ פאָלקיסטישנ שלייער פונעמ פאָלקלאָר. מיר ווערנ אויכ אופדעקנ דעמ סאָציאַל־אידעאָלאָגישנ פארצעפּ פונעמ באלעבאטישנ פאָלקלאָר. מיר ווערנ אופדעקנ, אז „וואָס מיר זײַנענ מיר״ אונ דאָס סאטירישגיפטיקע ליד וועגנ „אונדזערע פּארנייסימ אונ ראבאָנימ״ שטאמענ ניט פונ איינ סאָציאַלנ מאָקער, האָבנ געדינט פארשיידענע קלאסנ־אינטערעסנ.

[1]) „Худ. фольклор״ העפט 1, ארטיקל פונ יורי סאָקאָלאָוו, ז. 11, 12.

[2]) דאָרטנ, ז. 13.

[3]) „געקליבענע שריפטנ״ 1, ז. 22. קורסיוו אונדזערער.

3. אידעאָלאָגיש־סטיליסטישע האשפּאָעס פונ די עקספּלואַ־טאַטערישע קלאַסנ אפ דער פאָלקלאָר־דיכטונג

אינ מעשעכ פונ דוירעס האָט אינ דער יידישער כוויווע געהערשט דער סאָכריש־קלעריקאלער באלעבאָס, געהערשט אי עקאָנאָמיש, אי סאָציאַל, אי אידעאָלאָגיש, מיט דער הילפ פונ דער יידישער פילינע פונעמ פריציש־ביוראָקראטישנ מעלוכע־אפּאראט, פונעמ קאָהאָל, געהאלטנ אינ קלעמ אונ אינ שרעק די נידעריקע שיכטנ, דאָס קליינע סויכערל, דאָס קליינע קרעמערל, דעמ באַלמעלאָכע, מעשאָרעס אונ אנדערע, געהאט אינ זיינ רעשוס א גאנצע סיסטעמ פונ דערציונג־אנשטאלטנ, כאַדאָרימ, טאַלמעטוירעס, יעשיוועס, ווו מע האָט דאָס „פאָלק" דערצויגנ אינ גייסט פונ געהאָרכזאמקייט אונ דערעכערעצ פאַר גאָט, פאַרנ קייסער, פאַרנ פּאָרעצ, פאַרנ גוויר. צו „דינסטנ" דעמ דאָזיקנ שיכט איז געשטאנענ, ווי עס פירט זיכ „בא לייטנ", דער גייסטלעכער, דער ראָוו, דער כסידישער רעבע, מיטנ גאנצנ פעקל איבעריקנ קלייקוידעש, וואָס האָבנ פונ דער הייליקער טוירע געטאָנ דערוויזנ, או פאַר סאָכרימ, גווירימ אונ מעלאָכימ דארפ מענ האָבנ דערעכערעצ, אָפשיי...

זייער אידעאָלאָגיע האָבנ די הערשנדיקע קלאסנ געפלאנצט אינ פאָלק דורכ די כאַדאָרימ, טאלמעטוירעס, יעשיוועס, דורכ ספּעציעלע „פּראָפּאגאנדיסטנ"־מאגידימ, דאַרשאָנימ, כסידישע שאדארס, מוירע־דערעכס, כויזערס, הייליקע ספאָרימ אפ לאָשנקוידעש אונ איוורעטייטש, דורכ די טייטש־כומאָשימ, שייוועס־מוסערס, קאווהאיאָשאָרס, מייסעס אונ לויב־געשיכטעס וועגנ די הייליקע צאדיקימ. גאנצ גוט צוהילפ געקומענ איז אויכ דער מינדלעכער פאָלקלאָר.

נ. פּרילוצקי ברענגט אינ זיינ „יידישע פאָלקס־לידער" (ב I) אזא ליד:

„גאָט מוז מענ דינענ
אונ מע וועט אימ דינענ,
נאָר מיט סימכע אונ מיט נאכעס!
הגואל ממות ופודה משחת".

(ז. 4)

דערביי דערציילט פּרילוצקי: „געווענ ס'באליבטע ליד פונ רעב מענדל וווּרקער אונ דעריבער פארשפּרייט צווישנ די וווּרקער כסידימ, ווערט געזונגענ אויכ פונ אנדערע כסידימ, די ערשטע אונ דריטע סטראָפע זאָגט דער הויפּטזינגער (אינ „הויפ" דער רעבע אליינ), די צווייטע אונ פערטע — א צושפּיל — דער כאָר (אינ „הויפ" די כסידימ)". דאָ האָבנ מיר א קלאָר בילד, ווי דאָס פאָלקלאָר־ליד האָט געדינט פאַר די צוועקנ פונ רעליגיעז־כסידישער פּראָפּאגאנדע. „דינענ מוז מענ גאָט, ווייל ער האָט אונדז אויסגעוויילט צומ דינענ" — זאָגט זיכ וויטער אינעמ ליד. די אידייע איז דאָ קלאָר, די יידנ זיינענ אנ אויסדערוויילט פאָלק, די כסידימ — די אויסדערוויילטסטע פונ די אויסדערוויילטע, אונ דער רעבע איז דער אויסדערוויילטסטער פונ די אויסדערוויילטסטע...

וועגנ א צווייטנ ליד דערציילט פּרילוצקי, אז עס איז געווענ דאָס באליבטע ליד פונ רעב יאנקעלע ראדזימינער אונ זיינ זונ רעב שלוימעלע (דאָרטנ, ז. 3). א דריט ליד איז „געווענ ס'באליבטע ליד פונעמ אזויגערופענעמ „קליינעמ רעבע" (רעב בער

פונ ראדאשיצ). ער פלעגט דאַס אָפּט זינגענ פריִער אפ ייִדיש אונ דערנאָכ אפ פּוי־ליש" (דאָרטנ, ז. 47). דאָס ליד האָט דערציילט, אז די מאמע האָט געהייסנ רײַסנ ניסעלעכ פונ בוימ, נאָר די ייִדעלעכ זײַנענ קליינ אונ קענענ ניט דערגרייכנ... בלויז דורכנ רעבנ, פארשטייט זיכ, קענ מענ א „ניסעלע" באקומענ.

באַ רעבּ הענעכ פארעטשערס טיש (א מינ מיסנאגדישער רעבע) פלעג מענ זינ־גענ:

„שאָלעמ־אלייכעמ א ייִד.
פונוואנענ איז א ייִד?
מיפּאריטש!
מה נשמע בּפאריטש?
מע טרינקט בראנפּנ,
אונ מע הוליעט,
אונ מע גייט א קאראהאָד" [1])

באמ טאלנער פלעג מענ זינגענ:

„דאָרט, אוי, דאָרט,
ווו דער הייליקער רעבע איז דאָ,
זײַנענ מיר אויכעט דאָ,
האדרת והאמונה לחי עולמים" [2]).

באמ באָבּרויסקער רעבּנ שמערל־נויעכ פלעג מענ זינגענ דאָס האלב־ייִדישע, האלב לאָשנקוידעשדיקע ליד:

„אני ביער הלכתי...
בינ איכ מיר געגאנגענ
אינ דעמ וואלד,
טרעפ איכ מיר פייגעלעכ
יונג אונ אלט.
די פייגעלעכ זינגענ:

רו, רו, רו!
אדיר איום ונורא" א. אז. וו. [3]).

לידער, ווי באַוווּסט, פלעג אויכ זינגענ רעבּ לייווי־ייִצכאָק באַרדיטשעווער (דער „קאדעש" אונ אנד. זע קיפּניס „60 פאָלקס־לידער", ז. 79—89). אינעמ „קאדעש" איז געקומענ צו פולקומענ אויסדרוק די מיטלאלטערלעכע „אטאָ־וועכארטאָנו"־אידעאָלאָגיע. פאראנ פיל אומעס אפ דער וועלט: פּארסיִימ, באַווליִימ, אדומיִימ, ענגלענדער, דײַטש־לענדער, אָבער ייִדנ זײַנענ די בעסטע אונ די שענסטע, ווײַל זיי זײַנענ די איינציקע, וואָס האלטנ זיכ שטאָל אונ אײַזנ אָנ דעמ עמעסנ גאָט[4]). אינ מעשעכ פונ דורעס האָט דער סאָכריש־קלעריקאלער העגעמאָנישער שיכט געכאָוועט אָט די „אטאָ־וועכאר־טאָנו"־אידעאָלאָגיע. דאָס ייִדישע פאָלק — ד. ה., פארשטייט זיכ, דער סאָכריש־גוויי־רישער שיכט זײַנער, — איז אויסדערווײלט פונעמ דיבוינעשעלוילעמ אליינ. דאָס ייִדישע פאָלק איז ניט געגליכנ צו אנדערע פעלקער, צומ „גוי", וואָס „דאָס עסט ניט,

---

1) מיטגעטיילט פונעמ כ׳ שנייער. א וואר. פונ אָט דעמ ליד באַ קיפּניסנ „80 לידער" ז. 73, אָנ דעמ העבר. עלעמענט.

2) מיטגעטיילט פונ זעלבנ.

3) מיטגעטיילט פונ זעלבנ. וואריאנט באַ פרילוצקינ „ייִדישע פאָלקס־לידער" ב. I. ז. 4.

4) דער צאדיקיזמ האָט אויסגענוצט פאר פראָפּאגאנדע אויכ מוזיק. כ׳ אויסלענדער זוכט אינ די כסידישע לידער קאמפּ־מאָטיוונ אונ... געפינט ניט. בויט ער אופּ א גאנצע טעאָריע, אז די קאמפּ־מאָטיוונ זײַנענ פארבאָרגנ אינ די ניגונימ („גרונט־שטריכנ" ז. 39). ס׳איז אויסגעטראכט. די כסידימ האָבנ „געפירט מילכאָמעס", אָבער ניט פאר די עקספּלואטירטע.

און טריקנט ניט, און שלאַפט ניט, און רעדט ניט, און האָט ניט קיינ פאָטער און קיינ מוטער, און שטארבט ניט, נאָר עס פרעסט, עס זויפט, עס פּאָפט, עס דאבערט, עס האָט א פאקעלע און א מוקעלע און עס פייגערט". דארפנ זיכ יידנ האלטנ אינ אייניקייט, אינ פעסטער אכדעס, ניט בונטעווענ זיכ קעגנ גווירים און ראבאָנים, טאָנ, וואָס גוטע פרומע לייט הייסנ און... טראָגנ מיט סימכע קאָלערליי שטייערנ, מיימאָדעס, פּידיוינעס.

מיט דער „אטאָ־וועכארטאָנו"־אידעאָלאָגיע פונעמ סאָכריש־קלעריקאלנ שיכט איז דורכגעזאפט אויכ דער גאנצער ציקל אזויגערופענע רעליגיעז־נאציאָנאלע לידער בא גינזבורג און מארעקנ. יידנ זיינענ די זעמל־מעל פונ דער וועלט. מיט זיינ טוירע איז גאָט ארומגעגאנגענ צו אלע פעלקער, נאָר קיינער האָט זי ניט געוואָלט אָנעמענ, און „ווי ער איז געקומענ צו אנ אומע יידנ, וואָס ער האָט גע־עדט און וואָס ער האָט געשמועסט זיינענ זיי געווענ צופרידנ" (ג. און מ. נומ. 2.). יידנ — ווערט געזאָגט אינ אנ אנדער ליד — זיינענ בניי־יעכידימ בא גאָט (דאָרטנ, 25 נומ.), בא דעמ שטארקסטנ גאָט, וואָס „אונטנ, אויבנ, אלע גלויבנ — ער איז אייגער, איבער אימ איז קיינער" (דאָרטנ, נומ. 1).

מיטנ געדאנק, אז דער יידישער גאָט (דאָס הייסט דער גאָט פונעמ יידישנ עקספּלואטאטער) איז דער שטארקסטער, איז מענ זיכער געווענ אינ דער קאָנקורענצ מיטנ ניט־יידישנ סויכער. מיטנ „שטארקסטנ גאָט" און מיט דער „אויסגעוויילטקייט־אידייע" איז לייכט געווענ צו פארשיקערנ די מויכעס פונ די עקספּלואטירטע שיכטנ. דאָס יידישע פאָלק איז, הייסט עס, א הייליק פאָלק, עס קומט אָפּ גאָלעס פאר די זינד און דעריבער איז „וואָס מיר זיינענ מיר, אָבער יידנ זיינענ מיר" (דאָרטנ נומ. 23) — דער נאָגיד, דער אָרעמאנ, דער באלעבאָס, דער פּויעל, דער מעשאָרעס — אלע זיינענ יידנ, און די וואָס ליידנ, דארפנ טראָגנ שטיל־האכנאָעדיק זייער גוירל. ביטאָכנ איז די בעסטע יידישע מידע. „א נאר איז דער מענטש, וואָס שטעלט זיכ זאָרגנ, ווענ זיינ פארנאָסע גייט אימ ניט" (דאָרטנ, נומ. 22). אלע טאָג דארפ מענ ווארטנ אפּ מאָשיעכנ, וואָס וועט מאכנ אלע „גויימ" פאר יידנ. „מאר גאָלוסיינו פערעבודיעמ, לעארציינו פּאָרט פּוידיאָמ" און דאָס וועט שוינ זיינ גאָר גיכ, „בימהיירא בעיאָמיינו" (דאָרטנ, נומ. 18).

אזוי איז דער דאָזיקער פאָלקלאָר געווענ א געצייג אינ די הענט פונ די עקספּלואטאטערישע שיכטנ צו פארשטארקנ און פארפעסטיקנ זייער עקאָנאָמישע און אידעאָלאָגישע הערשאפט איבער די מאסנ, וואָס האָבנ פונ צייט צו צייט ארויס־געוויזנ בוילעטע סימאָנימ פונ אומצופרידנקייט, זיכ געבונטעוועט.

ס'איז, פארשטייט זיכ, ניט געדרונגענ, אז אלע לידער, וואָס דריקנ אויס אָט די אידעאָלאָגיע, זיינענ געשאפנ געוואָרנ דירעקט דורכ די הערשנדיקע שיכטנ. פיל אזוינע לידער זיינענ אופגעקומענ בא די אָרעמע, פארפינצטערטע, דערשלאָגענע קליינבירגערלעכע מאסנ, וואָס זיינענ פארפּענטעט געווענ אינ די נעצנ פונ דער הערשנדיקער קלעריקאל־סאָכרישער אידעאָלאָגיע[1].

דער סטיל פונעמ פאָלקלאָר, אינ וועלכנ ס'איז געקומענ צומ אויסדרוק די האש־פּאָע פונ דער קלעריקאל־סאָכרישער אידעאָלאָגיע, אנטשפּרעכט

[1] וועגנ די אידעאלנ פונעמ קלעריקאלנ מיטלשיכט, ווי זיי זיינענ געקומענ צומ אויסדרוק אינ די וויג־לידער, זע אינ כ' דאָברושינס ארטיקל „די עוואָליוציע פונעמ וויג־ליד" („צייטשריפט" 5, ז. 262—264).

ס׳ראָוו זײַן אינהאַלט. „דאָס יידישע פאָלקס־ליד — שרײַבט כ׳ אויסלענדער — איז זייער ווינציק פארבונדן מיט דער סינאַגאָגאַלער פּאָעזיע״ [1]. סע פרעגט זיך אָבער, וואָסער פאָלקלאָר־ליד? די לידער, וואָס דריקן אויס די מאַמאָשעסדיקע אינטערעסן פון די נידעריקע שיכטן, זײַנען טאַקע זייער ווינציק פארבונדן מיט דער „סינאַגאָגאַלער פּאָעזיע״. אנדערש איז אָבער מיט די לידער, וואָס האָבן אויסגעדריקט די קלעריקאַל־סאָכרישע וועלטאָנשויונג.

איינער פון די כאראַקטעריסטישסטע סימאָנים פון אָט דעם פאָלקלאָר־סטיל איז דער לאָשנקוידעשדיקער עלעמענט, פּונקט ווי ער איז כאראַקטעריסטיש פאר די בור־זשוואַז־לאָמדישע סטילן אין דער יידישער ליטעראַטור (מענדעלע, פּערעץ). אינעם ליד נומ. 17 בא גינזבורג און מארעקן האָבן מיר, אשטייגער, אזוינע הויכע טערמינען, ווי „יעודנו״, „נזרנו״, „שגבנו״, „תפארתנו״ א. אז. וו., וואָס זײַנען פאר געוויינלעכע באָסאָר־וואָדאָמס אבסאָליוט געווען אומבאַקאַנט. דאָס גאנצע ליד פון אָט דעם מין פאָלקלאָר איז אָפט אָרגאניזירט ארום פּסוקים און העברעיִישע טפילעס, זמירעס, פּיור־טים. אלס מוסטער־בײַשפּיל פון אזא קאָמפּאָזיציע קען דינען דאָס ליד נומ 25 בא ג. און מ.

„די ערשטע מײַלע איז:
אום אני חומה,
די צווייטע מײַלע איז:
ברה כחמה.

אײַ, כאָטש, כאָטש
גולה וסורה —
פאָרט, פאָרט, פאָרט
דמתה לתמר״ א אז. וו.

ענלעך לויט דער קאָמפּאָזיציע איז אויך נומ. 70 אין פּרילוצקיס „יידישע פאָלקס־לידער״ ב. 1.

„ישמח משה במתנת חלקו!
ישמח משה במתנת חלקו!
איז וואָס איז ער געווען?
כי עבד נאמן קראת לו:״ א. אז. וו.

אזוי זײַנען אָרגאניזירט אויך די לידער נומ. 1, 18, 19, 30, 37 און פיל אנדערע בא גינזבורג און מארעקן, די לידער נומ. 2, 49 אין פּרילוצקיס 1 באנד, דער בארימטער „קאדעש״ פונעם בארדיטשעווער, זײַן „דודעלע״, „מייערקע מײַן זון״ (קיפּניס „60 פאָלקס־לידער״).

די ווירקונג פונעם סייפער זעט מען ניט בלויז אף דער שפּראַך. דער מאַטעריאַל גופע פונעם ליד איז אָפט גענומען פון דער טאַלמודישער אַגאָדע און מעדרעש (זע ג. און מ. נומ. 3, 5, 30 א. אנד.), דירעקט פון זיי אָדער דורך דער פאָלקסמיטלונג פון די איוורעטײַטשישע „מײַסע־בוך״, „צאינה וראינה״, „מנורת המאור״, „קו הישר״ א. אז. וו.

דער אקראָסטיך, וואָס איז אזוי פארשפּרייט אין די מיטלאלטערלעכע פּיוטים, איז אויך איינער פון די סימאָנים פון אָט דעם מין פאָלקלאָר־סטיל. דער מעכאַבער פון א־א ליד האָט זיך נאָך אָפטמאָל געקליגט צו בויען דאָס ליד לויט צוויי אלעפבייזן:

„ניט קיין גאַרלעס, ניט קיין געלט,
וואָס־זשע גייט מען אף דער וועלט,
נישט קיין דאָאָס, נישט קיין געלט,
וואָס־זשע דאַרף מען די וועלט?״
(ג. און מ. נומ. 26)

1) „גרונט־שטריכן״, ז. 31.

וועגן דער אידעאָלאָגישער צילגעווענדקייט פון אָט דעם ליד קענען זיין פאַרשיידענע מיינונגען: אָדער ס'איז א מוסער־ליד צו די קאַפּצאָנישע „צוימען־ברעכער", וואָס האָבן „ניט קיין יידישקייט, ניט קיין געלט", אָדער ס'איז א קאַפּצאָנישע געזעלשאַפטלעך־קריטישע ליד. אלנפאלס איז דער מעכאַבער געוויס אונטער דער ווירקונג פֿונעם סטיל־שטייגער פונעם קלעריקאַל־סאָכרישן ליד. דאָס ליד פאַרמאָגט אַחוץ טאָפּלטן אלעפבייז אויך די ספּעציפישע לאָשנקוידעשדיקע טערמינאָלאָגיע „טהרות", „מדות", „קדושה".

אינטערעסאַנט איז בענעגייע אָט די אלע מאָמענטן אויך דאָס ליד נום. 376 בא גינזבורג און מאַרעקן:

„בעלי־בתים היושבים בבתיהם
ושותים יין בכליהם —
אלו ואלו הצועקים חי:
א טרונק בראַנפן פאַראַוויי!"

עס האָט אי דעם העברייִשן עלעמענט, אי פּיוטישע ציטאַטן, אי דעם אלעפבייז־סיידער. צו רעליגיע און יידישקייט האָט דאָס ליד א קנאַפּע שייכעס. עס איז א טרינק־ליד. מע דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אז אויך די אויסגערופענע רעליגיעז־יאָנטעוודיקע לידער פלעג מען זינגען אין א גאַנץ גאַשמיעסדיקער אומגעבונג: אַף א ברים, א כאַסענע[1]), א כעוורע־קאַדישע־סודע, א פּורעמהוליאַנקע, א קאַלפּע־מישטעלע (דערמאָנט זיך די „מעלאַווע־מאַלקע" בא די באַלעטויוועס אין מענדעלעס „טאַקסע": „א מעלאַווע־מאַלקע בא רעב מוישע באַלטאַכלעס. די קנופיע פֿאַפּעטשיטעלעס זיצן אַרום טיש. אַף אים שטייען פלעשלעך, וויין און בראָנפן, א גרויסער פּאַלומעשעק מיט א געבראָטענער גאַנדז און א טעלער מיט אייטערלעך.. מע טרינקט און מע עסט... די קנופּיע איז אַביסל פאַרלעקט, זינגען „אליהוס" גאַנץ פריילעך". אָט איז די קאָנקרעטע סוויווע פונעם באלעבאַטישן פּאָלקלאָר. אַחוץ די „אליהוס" האָט מען דאָ מיסטאַמע אויך געזונגען „ווער מיר זיינען זיינען מיר, אָבער יידן זיינען מיר").

אויך דאָס ליד „בעלי בתים" איז א סודע־ליד, און זינגען פלעג מען זי בעגילופֿן, מיטן כאַראַקטעריסטישן צושפּיל „אלו ואלו צועקים חי, א טרונק בראַנפן פּאָדאַוויי". ס'איז אָבער אינטערעסאַנט אָט וואָס: דאָס זעלבע ליד האָט שפּעטער מיט יאָרן נאָך ג. און מ. פאַרצייכנט קיפּניס שוין מיט אווינע שינוים אין טעקסט: לעם דעם

---

[1]) אָט איז א כאַסענע־ליד בא ג. און מ.

„אי אַך,
בימינו,
לאָמיר געבן א שוואַך
צום בורא אלהינו,
וואָס ער זיצט
ממעל עליונים" א. אז. וו. (ג. און מ. נום. 259).

אַף דער סאָציאַלער אָפּשטאַמונג פונעם ליד זאָגט איידעס די סטראָפעס, וואָס „די כאַסענע האָט געקאָסט, וועט דאָך גאָט זיין מעמאַלע". גאָט ווערט מעמאַלע זיין — א ספּעציפישער סאָכריש־קרעמערשער אויסדרוק.

העברייִשן פערז קומט א ייִדישע איבערזעצונג, עס קומען צו פערזן בלויז אין ייִדיש און צווישן זיי איינער אזוי:

„ארבעטער פון פאבריקן און מאסטערקייַען
טרינקען בראנפן און מאכן לעכאַיִמ״.
(קיפּניס „80 לידער״, ז. 79)

אויך דער אַלעפבייז־סיידער איז צעשטערט געוואָרן. ס׳איז קלאָר, אז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט ענדערונגען, וואָס זייַנען א רעזולטאט פונעם לידס איבערוואנדערן אין א נייַער סאָציאַלער סוויווע.

אָבער ניט בלויז דאָס העברייִשע איז כאראקטעריסטיש פארן סאָכריש־קלעריקאלן פאָלקלאָר־ליד. ס׳איז באקאנט, אז אויך דער סלאווישער עלעמענט איז דאָ א שטארק פארשפרייטע דערשייַנונג. ריכטיק ווייַזט אָן כ׳ גאָלדבערג, אז די סלאווישע עלעמענטן זייַנען אָרגאניש פארבונדן מיט דעם גאנצן אידעאָלאָגישן טאָכ פון אָט די לידער. זיי שטאמען „פון ניצאָכן־געפיל און אויספּייַנעניש, פונעם זעלביקן גרויס־האלטן זיך איבער די אומעס־האָוילעם, פון לאָמדיש־כאריפעסדיקער קונצנמאכערייַ... אָפט איז עס געווען אן אויסדרוק פון „ארויסגייַן פון די קיילים״ אפ א סודע, א הוליאנקע״[1]. באזונדערס האָט עס א שייַכעז צו די לידער, ווו די פרעמדשפראכיקע עלעמענטן גייען האנט בא האנט מיט די לאָשנקוידעשדיקע. (זע צום בייַשפּיל ג. און מ. נום. 17 „אכ טי ריבוינעשעלוילעם, זאטשעם טי ניע סמאָטריש״ א. אז. וו. צוזאמען מיט א לאנגן צעטל לויטן אלעפבייז „...בוראנו, גואלנו, דודנו, הדרתנו, ועודנו״ א. אז. וו.).

וועגן ד׳עם פערזבוי פונעם קלעריקאל־סאָכרישן פאָלקלאָר־ליד לאָזט זיך אָט וואָס זאָגן: די פירשורעדיקע סטראָפע מיט איבערגעקרייצטע גראמען טרעפט מען זייער

[1]) די דאָזיקע דערקלערונג לייזט ניט אלזייַטיק די פּראָבלעם פון מיש־שפראכיקע לידער. ס׳איז געוויס ניט אָפּגעפרעגט גינזבורג און מארעקס מיינונג, אז די סלאוויש־ייִדישע לידער זייַנען אופגעקומען צייישן „יענע שיכטן פון דער ייִדישער באפעלקערונג, וואָס פלעגן האָבן נאָענטע באציִונגען מיט דער קריסטלעכער באפעלקערונג און אָפט באנוצן זיך מיט איר שפראכ״ (ג. און מ. ז. 23) — ייִשוּווניקעס, ניקאָלייַעווער כאָלדאטן, מארק־קרעמער א. א. דער אויבנדערמאנטער כ׳ שנייער האָט מיר מיטגעטיילט אזא קרע־מעריש ליד:

„כאָד׳ פאנ טוט, כאָד׳ פאנ טוט,
מאיעמ, מאיעמ קראמינקו.
ביילע, דערלאנג די מידע גדוילע,
כאנע, דערלאנג די מידע קטאנע,
סיאד׳ פאנ טוט, סיאד׳ פאנ טוט,
מאיעמ, מאיעמ קראמינקו״.

אויך מענדעלע דערציילט אינ „שלוימע רעב כאיִמס״: „פויעלים, וואָס פלעגן וואנדערווען, ארבעטן בא גוייִמ אין די דערפער, האָבן אין זייערע לידלעך ארייַנגעמישט גויִישע ווערטער, אזוי אז ס׳איז אויס־געקומען האלב ייִדיש, האלב רוסיש״. דאָס צונויפפאסן פארשיידענע, צומאָל קעגנזעצלעכע עלעמענטן איז זייער א פארשפרייטע דערשייַנונג. דער שפּאס־מאָמענט שפּילט דאָ א גרויסע ראָל, אָבער ניט בלויז ער. אפ די בונדישע ליאמעס פלעג מען זינגען די מארסעליעזע מיט א כסידישן ניגן. איז עס ניט געווען קיין אויסדרוק פון בונדישן נאציאָנאליזמ? איצט מאכט מען אזעלכע שפּאסן ניט.

זעלטנ. אינ פיל לידער איז ביכלאל קיינ קאנאָניזירטע סטראָפע, קיינ גראם ניטאָ. דאָס ליד באוועגט זיכ פריי לויטנ ריטמ פונ דער מעלאָדיע (לעמאָשל, דעמ בער־דיטשעווערס „קאדעש" אָדער „זאהריי מעני קאזאטשענקאָ" (קיפ׳ יס. „60 לידער". ז. 79, 133). ס׳ראָוו אָבער האָבנ מיר דאָ צווייִשורעדיק־געגראַמטע סטראָפעס, וואָס איז, צו גלייבנ, פארבונדנ מיטנ סטראָפע־בוי פונ די פּיוטימ, אינ וועלכע די צוויי־שורעדיק־געגראַמטע סטראָפע איז שטארק פארשפרייט.

ווי ס׳איז אויבנ שוינ אָנגעוויזנ געוואָרנ, איז דאָס קלעריקאל־סאָכרישע פאָלקלאָר־ליד געזונגענ געוואָרנ בא א גאנצ גאשמיִעסדיקער אומגעבונג: בא סודעס, הוליאנ־קעס. מיט דעמ דערקלערט זיכ, וואָס עס איז ס׳ראָוו א כאָר־ליד מיט צושפּילנ אונ רעפרענענ, אָפט מיט דעמ אָנוואקסנדיקנ רעפרענ, געמאכט לויטנ מוסטער פונ האגאָדישנ „אחד מי יודע" אונ „חד גדיא" (ג. אונ מ. נומ. 27, 37, 259, קיפּניס „60 לידער" ז. 102). מיטנ אָנוואקסנדיקנ טעמפּ שפיגלט ער אָפּ דעמ שטייגנדיקנ „בעניִלופנ" פונ די זינגער. זייער אָפט איז דאָס ליד א „דועט" צווישנ צוויי קאָמ־פאניעס זינגער, איינע פרעגט, די צווייטע ענטפערט (— וואָס וועט זיינ, אז מאָשיִעכ וועט שוינ קומענ? — אז מאָשיִעכ וועט קומענ, וועלנ מיר מאכנ א סודעניו! א. אז. וו. אזוינע „דועטנ" זע בא ג. אונ מ. נומ. 5, 17, 18, 19, 25, 30, 209 אונ אנד. פרי־לוצקי ב. 1. נומ. 49, 59, 62, 70 אונ אנד. קיפּניס 2 („80 לידער") זז. 65, 69, 75 אונ אנד.) [1])

מיר זעענ אלזאָ, אז די פאָלקלאָר־לידער, וואָס דריקנ אויס די מיטלאלטער־לעכע הערשנדיקע קלעריקאל־סאָכרישע אונ נאציאָנאליסטישע אידעאָלאָגיעס, זיינענ אויסגעפאָרמירט אינ א ספּעציפישנ פאָע־טיש־קאָמפּאָזיציאָנעלנ אונ שפּראכלעכנ סטיל, וואָס איז מיט דער אידעאָלאָגיע אָרגאניש פארבונדנ. אינהאלט אונ פאָרמ אנט־שפּרעכנ דאָ איינע די אנדערע.

מע וואָלט געקאָנט באשטעטיקנ דעמ דאָזיקנ אויספיר אויכ מיט מאטעריאלנ פונ שפּריכווערטער־פאָלקלאָר, נאָר דאָס איז א באזונדער טעמע פאר זיכ. מיר וועלנ זיכ בלויז באנוגענענ מיט אייניקע ביישפּילנ: „עס איז א גרויסער כילעק פונ וכך היה אומר ביז וכך היה מונה" (מעוומאָנימ איז אלעמאָל גלייכער), „אז ויקהל איז א קניש איז פקודי א וואַרעניק" (דאָס לאכט מענ פונ אנ אמאָרעצ: דער טארגומ אפ ויקהל — ואכניש, וואָס דער אמאָרעצ לייענט עס פאר א קניש), „א חילוף איז א חלף", „האוחז ביד — איז די בעסטע טפילע", „האוחז ביד — שלומ בעקעשענע", „משכון בבית — שלומ בעקעשענע", „יגעת ומצאת — גלייב" [2]). אינ וואָסערע סאָציִאלע שיכטנ די דאָזיקע שפּריכווערטער זיינענ געשאפנ געוואָרנ — איז קענטיק סיי אינעמ אינהאלט, סיי אינעמ שפּראכ־סטיל זייערנ.

[1]) די „אחד מי יודע"־לידער אינ דועט־פאָרמ האָבנ זיכ געהאלטנ זייער לאנג. אפילע נאָכ אָקטיאבער פלעגנ מענ נאָכ זינגענ ענלעכע לידער מיט אקטועלנ אינהאלט.

בלויז בא דער באָלשעוויזירונג אונ אינטערנאציאָנאליזירונג פונ דער יידישער ארבעטער־סוויווע זיי־נענ זיי ענדגילטיק פארשוונדנ.

[2]) פונ „יידישע שפּריכווערטער אונ גלייכווערטלעכ" געזאמלט פונ י. בערנשטיינ, וואַרשע 1908.

4. דאָס פאָלקלאָר־ליד פונעם פאַראָרעמטן קליינבירגערטום

דער סאַכריש־נעגידישער שיכט פונעם יידישן בירגערטום איז געווען א גאַנצ דינער. די בירגערלעכע „מאסע" איז באשטאנען פון קליינע קרעמער, אופקויפער, פאַקטערס, אָרעמע שענקערס א. אז. וו. די דאָזיקע מאסע האָט געלעבט א קאָפּצאָניש פאַרדייגעט לעבן. דער קאַהאַל־ווילקיר, די צארישע יידן־פּאָליטיק, די רויִנירונג פונעם שטעטל בא דער צעפאַלונג פון פעאָדאַליזם האָבן דאָס דאָזיקע לעבן נאָכ טרייסטלאָזער געמאכט.

דאָס פאָלקלאָר־ליד, וואָס ס׳שאפט דאָס פאַראָרעמטע קליינבירגערטום, שפיגלט עס אָפּ אויסגעצייכנט.

שאפעסצונאכט ווערט דעם אָרעמען קרעמער פינצטער און ביטער אפן הארצן, און ער זינגט א ליד, א יידישע פאַרזעצונג פון לאַשנקוידעשדיקן „האמאוודל".

„יום פנה, דער שאבעס אוועק
אזויווי א שאָטן פון א בוים...
מאָרגן דארף מען גיין אין קלייט,
ביטער, ביטער ווי דער טויט.
זיצן אפן גאניק, ווי א צוגעבונדענער הונט
און שרייען: טאמ מאלי פונט!"

(ג. און מ. נומ. 304)

דער „טאמ מאלי פונט" גיט אונדז א קאָנקרעט בילד פון מענדעלעס „וועקאָפּ ציינו יאכאד". קרעמלעך אטאכ, און מע שלעפט דעם פויער פאר דער סערמיגע, און מע קריגט זיכ פאר א גראָשן פידיען.

דאָס זעלבע אין אויכ אפ מאָרגן נאָכ יאָנטעוו —

„אפ ברי —
אפ מאָרגן נאָכ יאָנטעוו
גלייכ אינדערפרי,
אפן מארק מוז מען לויפן,
בולבעס מוז מען קויפן, —
און קיין געלט איז אלצ נישטאָ".

(דאָרטן, נומ. 363)

אין שטוב איז קאַלט, דערציילט זיכ ווייטער אינעם ליד, ס׳איז ניטאָ וואָס צו קאָכן, דעם מעלאמעד קומט סכאַרלימעד, און דאָס מיידל האָט ניט קיין קאָפּעקע נאדאָן. און ווענן־דעם אלצ זינגט זיכ מיטן ניגן פון „גשם", וואָס מע האָט ערשט נעכטן געזאָגט מיט גרויס קוראַזש.

אפ דער ווייבס פראגע אין אן אנדער ליד: „אוי, סענדערקע מיין מאן, ווו נעמט מען געלטעלע?" ענטפערט דער מאן: „באמ פאַרעצל, באמ פאַרעצל, מיין ווייבעלע". אָבער באמ פריצישן הויפ איז שוין צו יענער צייט דעם שטעטלדיקן קליינבירגער ניט געווען וואָס צו טאָן. איז אימ אויסגעקומען צו ווענדן זיכ צום ריבוינעשעלוילעמ מיט א ביטערער טיינע: „וואָס האָסטו באשאפן א קאפצן אפ דער וועלט? וואָס האָסטו דעם נאָגיד אלצ געגעבן און מיר האָסטו געזשאלעוועט דיינע ראכמאָנעס?"

(דאָרטן, נומ. 307). אז דאָס דאָזיקע פאָלקלאָר־ליד שטאמט פונ די פאראָרעמטע מיטעלע שיכטנ איז צו זענ פונעמ לעצטנ פערז:

„פונ אייגענער פאמיליע בינ איכ געוואָרנ פארשעמט,
פונ אייגענעמ ברודער בינ איכ געוואָרנ פארפרעמדט,
ער טוט פונ מיר פארמײַדנ אלע זײַנע וועגנ,
ער האָט זיכ פארגעסנ, אז מיר זײַנענ אונטער אייג הארצנ געלעגנ!“

דער פאראָרעמטער שטעטלדיקער ייִד האָט זיכ ניט פאנאנדערגעקליבנ אינ די סאָציאַלע פאקטאָרנ פונ זײַנ אָרעמקײַט. ער זעט נאָר, אז אנדערע פונ זײַנ שגיט מענטשנ האָבנ, אונ ער האָט ניט, קומט ער צומ באשלוס, אז „לײַטישע מאזאָלעס טרעגנ אפ די וואסערנ שווימענ אונ איכ טו זוכנ אונ טו ניט געפינענ“. אונ ער האָט א טײַנע צו גאָט: „גאָט דו דערבארעמדיקער, וואָס בינ איכ ניט קיינ מאזלדיקער“ (דאָרטנ, נומ. 308)[1].

אינ אנ אנדער ליד באקלאָגט זיכ א ייִד, א סויכער[2]), וואָס איז פארוואָגלט געוואָרנ אינ דער פרעמד. אינדערהיימ האָט ער גרויס אויסגעזענ, „אינ די גרעסטע געשעפטנ געווענ“, אונ איצט שעמט זיכ דער קלענסטער מיט אימ צו ריידנ (דאָרטנ, נומ. 310).

עס באקלאָגט זיכ אויכ אינ א ליד דער ארויסגעטריבענער דאָרפישער שענקער: „פונ די דערפער האָט מענ אונדז פארטריבנ, פונ די שענקענ מיט א ווילדנ קאס“ (דאָרטנ, נומ. 309).

פונ אָט די אלע פאָלקלאָר־לידער ווייעט מיט ייִעשפולנ טרויער, מיט אויסוועגלאָזיקײַט. זיי האָבנ אָנגעהויבנ דעמ דוירעסדיקנ ניגנ פונ אונטערגאנג פונ די ייִדישע קליינבירגערלעכע שיכטנ, דעמ ניגנ, וואָס האָט פול געמאכט די גאנצע ייִדישע קלאַסישע ליטעראטור, וואָס זײַנע לעצטע קלאנגענ פארזינקענ אינ פארגעסנהײַט ערשט איצט, אינעמ פעריאָד פונ דער גרויסער סאָציאַליסטישער בויונג.

וואָס איז שײַעכ סטיל, האָבנ אָט די פאָלקלאָר־לידער, אונ ס'איז גאנצ נאטירלעכ, פיל ענלעכקײַט מיט די פריִער באטראכטע פאָלקלאָר־לידער. אויכ דאָ האָבנ מיר שטיקלעכ פונ טפילעס (ג. אונ מ. נומ. 304, 310, 363), דעמ אלעפבייז (דאָרטנ, נומ. 310), די צווײשורעדיק־געגראמטע סטראָפע (דאָרטנ, נומ. 304, 307, 308). וואָס נידעריקער ס'איז דער שיכט קליינבירגערטומ, ווערנ אָט די אלע ענלעכקײַטנ אלצ שוואכער. אינעמ ליד פונעמ פאראָרעמטנ דאָרפישנ ייִשוווניק זײַנענ זיי אינגאנצנ ניטאָ. ווענ מיר פארגלײַכנ דאָס ליד פונעמ ארויסגעטריבענעמ שענקער מיטנ ליד פונ פארוואָגלטנ סויכער (ג. אונ כ. נומ. 309, 310), זעענ מיר בולעט דעמ אונטערשייד צווישנ צוויי סטילנ, דעמ סטיל פונ א סאָציאַלנ שיכט, וואָס ציט זײַנ יענע פונ סידער־אונ מאכזער־קולטור, אונ דעמ סטיל פונ א שיכט, וואָס איז פונ איר אָפּגעריסנ (דער פארגרעבטער ייִשוווניק!).

1) וועגנ דער דאָזיקער טײַנע צו גאָט אונ פארופנ זיכ אפנ מאזל, וואָס איז גאנצ נאטירלעכ פארנ ייִדנ פארמיטלער, האָט כ' אויסלענדער אויסגעבויט א גאנצע „טעאָריע“ וועגנ דעמ אופגעוואכטנ פאָלקס־באוווסטזײַנ (זע „גרונט־שטריכנ“ ז. 37).

2) אָדער „פריקאשטשיק“. פונעמ ליד איז ניט אינגאנצנ קלאָר. נאָר דאָס איז ניט אזוי וויכטיק: לויט דער אידעאָלאָגיע איז דאָס ליד א סאָכריש־באלעבאטישע.

אינעם ליד פונעם פאַרוואָגלטנ סויכער האָבנ מיר דעם אַלעפבייז, די צווייִשורעדיק־געגראַמטע סטראָפע, א רײַ פסוקים־שטיקלעכ, ווי „ישראל עם קדושים", „ואהבת את הגר" אונ אנד., דער גאַנצער נוסעכ — אַ כקירעדיק־מאַגידישער. אינעם ליד פונ דאָרפישנ יישוווניק — א רײַ קאָנקרעטע בילדער, סענטימענטאַלע, אָבער אויסגעדריקטע אינ א פּאָשעטער באַהאַרצטער מאַסנ־שפּראַכ. צוויי פאַרשיידענע סטילנ פונ צוויי פאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטנ.

ס'איז קעדײַ נאָכ אָפּצומערקנ אַזאַ מאָמענט: דאָס פאָלקלאָר־ליד פונעם פאַראָרעמטנ מיטל־אונ קלײנבירגערטום איז שוינ גיט געזונגענ געוואָרנ דורכ א גאַנצנ אוילעם באַ טישנ פונ קאָלטווו. דאָס זײַנענ לידער פונ פאַרצאָקטע העוצער, לידער פונ פאַרשעמטנ דאַלעס, דערשלאָגענער אײַנזאַמקײַט. זיי זײַנענ געזונגענ געוואָרנ ביעכידעס, זיי זײַנענ דעריבער קאָמפּאָזיציאָנעל ניט ענלעכ אַפ יענע פריילעכע סאָכרישבאַלעבאַטישע לידער, וואָס בײַס מע האָט זיי געזונגענ, האָט מענ אַרײַנגעקערט א קויסע, פאַרביסנ מיט פופקעס אינ לעבערקעס אונ געכאַפּט א טענצל לעקאָוועד דעם היילִיקנ בימ־באָמ...

5. דאָס פאָלקלאָר־ליד פונ די עקספּלואַטירטע סאָציאַלע שיכטנ

מיר קומענ איצט צו די סאָציאַלע שיכטנ, וואָס האָבנ דעם גרעסטנ כײלעק אינעם פאָלקלאָר־שאַצ. ווי אינ אַנ אַנדער אַטמאָספער פאַלט מענ אַרײַנ, ווענ מע לייענט די פאָלקלאָר־לידער, וועלכע זײַנענ געשאַפנ געוואָרנ דורכ די שיכטנ, וואָס זײַנענ אונטערדריקט געוועזנ פונ די קאָהאָל־ראַבאָניש־גווירישע רעדלפירער, די לידער פונעם אומענטשלעכ עקספּלואַטירטנ פויעל, פונ דער אייביק באַאַוולטער אָרעמער פרוי. די דערשלאָגענע, פאַרשקלאַפטע מאַסע איז נאָכ ניט פײַיק געוועזנ צו אַקטיווע אָרגאַניזירטע קאַמפּ מיט אירע אונטערדריקער, האָט זי אינ אירע לידער אויסגעדריקט פאַרשטיקטנ פּראָטעסט־געפיל, האַרבע אָבער אומבאַהאָלפענע טײַנע. נאָר דאָס זײַנענ געוועזנ ערשטע אופלײַכטונגענ פונ א קלאַסנ־באַוווסטזײַנ, וואָס איז דווירעס געוועזנ פאַרזונקענ אינ נעפּל פונ „אַטאָ ועכאַרטאָנו" אונ „וואָס מיר זײַנענ זײַנענ מיר, אָבער יידנ זײַנענ מיר", זײַנענ זיי דעריבער אונדז באַזונדערס טײַער. דאָס זײַנענ געוועזנ פונקענ, וואָס האָבנ זיכ שפּעטער פאַרוואַנדלט אינ א פלאַם.

די לידער וועגנ דער „רעקרוטשינע" רופנ נאָכ איצט אַרויס באַם לייענער טיפע אופרעגונג קעגנ די, וואָס האָבנ זיכ אַזוי אַכזאָריעסדיק איזדעקעוועט איבער די „פּראָסטאַקעס" אונ „לײַראַקעס". „באַ זישע ראַקאָווער — דערציילט אונדז דאָס פאָלקלאָר־ליד מיט א פּראָטעסטפולנ פאַרדראָס, — זײַנענ דאָ זיבנ באָנים, איז פונ זיי ניט אײנער אינ יעוואָנים, נאָר לייע דער אַלמאָנעס אייִנציק קינד איז א קאַפּאָרע פאַר די קאָהאָלשע זינד".

„עס איז א מיצווע אָפּצוגעבנ פּראָסטאַקעס,
שוסטער, שנײַדער זײַנענ דאָכ לײַראַקעס.
קרעציקע כײַציקלעכ פונ א מישפּאָכע א שיינער
טאָר באַ אונדז ניט אָוועקגייִנ ניט אײנער".

(ג. אונ מ. נומ. 50)

מיט א באזונדער פארביטערונג באטאָנט דאָס ליד, אז ראבאָנים זיינען די רעכטע האנט פון די נידערטרעכטיקע פארנייסים און קאָהאָל־לייט (דאָס זעלבע האָט אויכ מענדעלע באוויזן שפּעטער אין דער „טאקסע״), אז זיי העלפן אָפּצוגעבן אין יעוואָנים די אָרעמע קינדער אָנשטאָט די רייכע. מיט טיפן הארצווייי פרעגט דער דיכטער:

„געוואלד, וואָס איז דאָס פאר א קלאָג —
צי דען וועט קיינמאָל ניט ווערן טאָג?״ [1]).

א שוידערלעכ בילד פון דער „רעקרוטשינע״ מאָלט אונדז די באלאדע נום. 44 בא גינזבורג און מארעקן, פון קינסטלערישן שטאנדפונקט איינער פון די אינטערעסאנטסטע דאָקומענטן פון עלטערן פאָלקלאָר. דער העלד פון דער באלאדע איז אן אָרעם ייִנגל, א בעניאָכיד, „וואָס האָט ניט קיין געלט זיכ אויסצוקויפן״, האָט מען אים אָן איבעריקע צערעמאָניעס —

„..אוועקגעלייגט אפ ד׳ערד אין קייטן צו שליסן,
די לעצטע קאפּאָטע האָט מען אים אפ ברעקלעכ צעריסן,
מע האָט אים אין וואָגן ארייַנגעהייבן,
דעסיאטניקעס האָבן זיכ אויסגעזעצט, ווי בערן און ווי לייבן״.

און ווען די מוטער איז געקומען צו לויפן אין קאָהאָל מיט דער הארבער טייַנע:

„וואָס האָט איר א גאנצע אָטשערעד צונויפנעקליבן
און מייַן איינציקעס קינד צו פיר ברידער צוגעשריבן,
וואָס איז דאָס פאר א וועלט,
אז מע נעמט אן איינציק קינד און מע פארקויפט פאר געלט?״

האָט איר די קאָהאָלשע כאָפּטע פאסקודניאקעס געענטפערט:

„— ווייַבל, ווייַבל, זאָלסט ניט מאכן קיין ליארעם אין דער וועלט,
שווייַג שטיל, וועסטו קריגן אסאכ געלט!״

די גאנצע נידערטרעכטיקייט פון דער קאָהאָלשער באנדע איז פארקערפערט געוואָרן אין אָט דעם אנטבלויזט־כוצפּעדיקן ענטפער, וואָס איז געוויס געקומען בעהעכשער־האָראָוו...

א פארשטיקטן פּראָטעסט־געפיל הערן מיר אויכ אינעם ליד פונעם פויעל (ג. און מ. נום. 319). אויספירלעכ ווערט אינעם ליד געשילדערט די שווערע עקספּלואטאציע פונעם פויעל, וואָס קומט אָן צום באלעבאָס אפ אלעם פארטיקן. „צי דער פרי־

[1]) כ׳ ווינער אין זייַן ארייַנפיר צום „ערשטן יידישן רעקרוט״ (אקסענפעלדס ווערק, ערשטער באנד) באמערקט אגעוווּרכע, אז דאָס דאָזיקע פאָלקלאָר־ליד איז „מינאסטאמ פארפאסט געוואָרן פון א מאסקילישן שרייַבער״ (ז. 97). די דאָזיקע האשאָרע לאָזט זיכ אָנעמען. ביפראט, ווען מע נעמט אין אכט, אז אויכ י. ב. לעווינזאָן האָט אין „העפקער־וועלט״ געשריבן וועגן דער „רעקרוטשינע״ אין דער ריכטונג (ניט אלע מאסקילישע שרייַבער האָבן געהאט אזא באציִונג צו דער „רעקרוטשינע״. אקסענפעלד, און באזונדערס עטינגער, האָבן זיכ גאָר אנדערש באצויגן). מע דארף אָבער צוגעבן, אז אפילע לעווינזאָן האָט אין אזא גיפטיקן טאָן וועגן די קרעציקע כייַציקלעכ פון די שיינע מישפּאָכעס ניט גערעדט. מיר האָבן פאר זיכ דאָ א ווירקלעכ קלייַנבירגערלעכן מאסקיל און מינאסטאמ ניט קיין שרייַבער.

א שארפ פּראָטעסט־פאָלקלאָר־ליד קעגן גווירים און זייערע רעקרוטשינע־מייַסים ברענגט כ׳ ווינער אין זייַנע „אָנמערקונגען און עקסקורסיעס״ צום ערשטן באנד אקסענפעלדס ווערק ז. 334. אָבער שוין פון א שפּעטערדיקער צייַט.

שטיק קומט ארויס פרי אָדער שפּעט, שווײַגן מוז איך, ווי די וואַנט", און אַז מע זעצט זיך שוין עסן „הייבט אָן די באַלעבאָסטע מיט איר שפּילע":

„דער זייגער איז נאָך פֿאַר צען,
וואָס אײַלסטו זיך צו דער אכילה?"

אַרבעטן אַרבעט דער דאָזיקער לערן־פֿויעל פֿון גאַנצפֿרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווען „מע שפּירט שוין ניט קיין פֿיס, מע האָט שוין ניט קיין אויגן" און דאָך —

„אַז מע דאַרף בעטן באַם באַלעבאָס געלט,
דאַרף מען זיך שטעלן, ווי פֿאַר דעם גרעסטן יעדנעראַל.
ער ענטפֿערט: האָסט זיך נאָך איצטער געשטעלט!
צי דען איז באַ מיר פֿון געלט אַ קוואַל?
פֿאַרדין פֿריִער דײַן עסן,
געלט וועסטו קריגן מיטאַמאָל!
ער האָט שוין פֿאַרגעסן,
אַז איך בין שוין באַלד אָפּגעווען אַ יאָר".

דעם „אָרעמען אַרבעטער" איז „צען מאָל ערגער ווי פֿאַר אַ יאָוון צו דינען", מע ווערט אויסגעמוטשעט באַ דער באַלעבאָסטע, מ'האָט „אַ ווערדע ווי דער הונט". אַז סע מאַכט זיך אַ זײַטיקע „פּאַטשינקע", מוז מען דאָס באַהאַלטן, דער באַלעבאָס זאָל ניט געפֿינען, און אַז ער געפֿינט, שרײַט ער: „איך וועל נאָך אַמאָל געפֿינען, וועל איך דיר אויסהאַקן די ציינער". די פֿאַרשקלאַפֿונג פֿונעם פֿויעל גייט אַזוי ווײַט, אַז מע לאָזט אַפֿילו ניט אויסריידן אַ וואָרט מיט אַ מיידל. „אַז איך רייד אויס אַ וואָרט מיט אַ מיידל, לאָזט ער שוין ניט לעבן ניט מיך, ניט איר".

„— איך וועל דיך כאַפּן ווו דו גייסט,
וועל איך דיך פֿון שטוב אַרויסיאָגן,
איך וועל דיר ווײַזן, וואָס דאָס הייסט
פֿאַר אַ באַלעבאָס קיין זאַך ניט צו זאָגן!"

דאָס גאַנצע ליד גיט אַ מערקווירדיק־קאָנקרעט און פֿול בילד פֿונעם פֿויעלס לעבן, פֿון זײַן עקספּלואַטאַציע און פֿאַרשקלאַפֿטקײַט. עס איז פֿול מיט פֿאַרשטיקטן פּראָטעסט, וואָס האָט נאָך ניט קיין געוואַגטקײַט אַרויסגעבראַכט צו ווערן פֿון די ליפּן. דער פֿויעל לאָזט אַראָפּ זײַן קאָפּ אין האַכנאָעה פֿאַר זײַן ביטערן גורל. „איך מוז אָננעמען פֿאַר גוט, ווי עס מאַכט זיך מיט מיר". דאָס קאַמפֿלוסטיקע פֿאָלקלאָר־ליד וועט שאַפֿן אַן אַנדער אַרבעטער. דער נײַער ייִדישער אַרבעטער סאָף 90־קער יאָרן און אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט. דערווײַל פֿילט זיך נאָך דער פֿויעל אַלס ייִד („בייס איך זעץ מיך אַוועק צו זינגען דאָס ליד, האָב איך שוין קיין האַרץ ניט פֿון ווייטעק, ווי איך בין אַ ייִד"), דאָס וואָרט „באַלעבאָס" פֿאַרמאָגט נאָך פֿאַר אים אַ קישעף־קראַפֿט („ער איז דאָך פּאָרט אַ באַלעבאָס"). אָבער עס יוירט שוין אין אים אַן אומצופֿרידנקײַט, „ס'גייט אויף, ווי כאַריק באָס"). אָבער עס יוירט שוין אין אים אַן אומצופֿרידנקײַט, „ס'גייט אויף, ווי כאָריק שרײַבט אין „מינסקער בלאָטעס", אַ ווייטעק זאַפּטיק און געראָטן", „און ווען עס איז ווען ער אַ זעצ טאָן אין אַ שויב".

דאָס דאָזיקע פֿאָלקלאָר־ליד מיט זײַן פֿאַרשטיקטן פּראָטעסט און האַרצווייטעק איז אַ כאַראַקטעריסטישער עטאַפּ אין דער געשיכטע פֿונעם ייִדישן אַרבעטער־ליד.

אויך דער „אָרעמער שומער" דריקט אויס זײַן שטומען ווייטעק אינעם פֿאָלקלאָר־ליד —

„אלע באַלעבאַטים טוען אין די בעטן ליגן
און פֿאַרברענגען זיך אין פֿאַרגעניגן,
נאָר איך בין איינער אַליין,
מײַן קישן איז א שטיין". (ג. און מ. נומ. 329) [1]).

עס קלאָגן זיך אַף זייער יוּיסטן גורל אויך דער אָרעמער באַלמעלאָכע, דער שנײַדער, דער שוסטער, וואָס האָרעווען טאָג און נאַכט, נייען און האָבן „קאַדאָכעס ניט קיין ברויט".

דער אונטערדריקטער, דער באַאַוולטער האָרעפּאַשניק איז נאָך אין יענער צײַט מערסטנטייל שטאַרק רעליגיעז, ער גלייבט נאָך, אַז דער ריבוינעשעלוילעם איז „א פֿאָטער פֿון יעסוימים און א ריכטער פֿון אַלמאָנעס", אַז ער נעמט זיך אָן פֿאַר דער קריוודע פֿון די באַאַוולטע. אָט די דאָזיקע פּסיכאָ־אידעאָלאָגיע שפּיגלט זיך אָפּ אינעם פֿאָלקלאָר־ליד, וואָס אַנ־סקי ברענגט אין זײַן בוך „פֿאָלקלאָר און עטנאָגראַפֿיע".

צוליב דער כאַראַקטעריסטישקײַט פֿונעם ליד וועלן מיר עס ציטירן אינגאַנצן:

„אַמאָל האָבן געוווינט צוויי ברידער
איבער א טײַך,
איינער איז געווען אָרעם,
דער אַנדערער רײַך.
באַם רײַכן איז געווען א מאָלצײַט
אַף דעם גאַנצן לאַנד,
איז געקומען דער אָרעמאַן און זאָגט:
— ברודער דו מײַן, ברודערל דו פֿײַן,
גי מיר א שטיקעלע לעקעך
מיט אַביסעלע ווײַן.
— ווי זאָל איך דיר געבן
לעקעך מיט ווײַן,
אַז פֿון דיר שטינקט דאָך
ווי פֿון א שווײַן?
פֿיר וואָכן, שלוישים אויס,
טראָגטן דעם אָרעמאַן
פֿון שטאָט אַרויס,
טראָגטן אים פֿאַרבײַ
פֿאַרבײַ גענעם־טיר,
שטייען דרײַ מאַלאָכים
מאַכן צו די טיר,
טראָגטן אים פֿאַרבײַ
פֿאַרבײַ גאַניידן־טיר,
שטייען דרײַ מאַלאָכים
עפֿענען אוף די טיר,
בעטן אים אויבנאָן,
זעצן אים אַף א שטול
אין גאָלד און זילבער אָנגעטאָן.
פֿיר וואָכן, שלוישים אויס,
פֿירטן דעם נאָגיד
פֿון שטאָט אַרויס,
פֿירטן אים פֿאַרבײַ
פֿאַרבײַ גאַניידן־טיר,
שטייען דרײַ מאַלאָכים
מאַכן צו די טיר,
פֿירטן אים פֿאַרבײַ
פֿאַרבײַ גענעם־טיר,
שטייען דרײַ מאַלאָכים
עפֿענען אוף די טיר,
בעטן אים אויבנאָן,
זעצטן אים אַף א שטול
אין פּעך און שוועבל אָנגעטאָן.
— ברודערל דו מײַן, ברודערל דו פֿײַן,
נעם מיך פֿאַר א בענקעלע
אונטער די פֿיס.
— ווי זאָל איך דיך נעמען
פֿאַר א בענקעלע אונטער די פֿיס,
אַז פֿון מיר שטינקט דאָך
ווי פֿון א שווײַן?"
(ז. 180) [2])

[1]) א מערקווירדיק ענלעכן מאָטיוו האָבן מיר בא רייזענען „דער שומער" („געזאַמלטע לידער" ערשטער באַנד).

„און ער קלאָגט זיך פֿאַרן הימל:
זע מײַן טרויער צו,
איך אַליין האָב גאָרניט — היט איך
פֿרעמדן גליק און רו".

[2]) א רײַ וואַריאַנטן פֿון אָט דעם ליד זע פּרילוצקי. „ייִד. פֿאָלקס־לידער" באַנד 2 נומ. 125 — 130.

אָט אזוי האָט דער „אָרעמער ברודער" נעקאָמע געגומענ אָנ זײַנ „רײַכנ ברודער" אזא נעקאָמע איז א פּראָדוקט פונ מאכטלאָזיקײַט. סע שטאמט פונ דער באַנציע שווײַג־טקופע פונ די אונטערדריקטע מאסנ, ווענ זיי האָבנ נאָכ ניט דערפילט, אז פונ זייערע געשרייענ קענענ, ווי פערעצ זאָגט, יעריכעס מויערנ אײַנ־פאלנ. ער האָט זיכ געטרייסט, דער „אָרעמער ברודער", מיט א „יענער וועלט", וואָס דער רײַכער ברודער גופע האָט מיט איר אינ מעשעכ פונ דוירעס פארשלעפערט זײַנעם, דעם אָרעמענ ברודערס, געפיל אונ פארשטאנד...

צו דער קאטעגאָריע אונטערדריקטע אונ פארשקלאפטע געהערט אויכ די פרוי, פארשטייט זיכ, ניט די נעגידישע פרוי, וואָס האָט געהאט מעשאָרסימ אונ דינסטנ. א באזונדערס אומגליקלעכ לעבנ האָט געלעבט די פרוי פונעם שלימאזלדיקנ לופט־מענטשנ.

„דער מאנ גייט זיכ אינ בעסמעדרעש
אונ לייענט זיכ די סעדרעס,
אינ דאוונענ זינגט ער אונטער,
אינ „קאדעש" שפרינגט ער אונטער".
(ג. אונ מ. נומ. 279)

אונ דער גאנצער לעבנס־יאָכ פאלט אפ דער ווײַב. זי דארפ האָלצ האקנ אונ ברויט באקנ, אונ דײַגענ וועגנ פּארנאָסע, אונ האָדעווענ די קינדער — דעם שלאָפנ לייגנ, דעם אפ דרויסנ פירנ, דעם דעם קאָפּ אויסשמירנ, נאָר „דאָס איז נאָכ ניט גאָר — א בריס אלע יאָר"[1]). זי שלעפּט די שווערע טאטשקע ביז זי פאלט פונ די האָלאָבליעס, אָבער אויכ דעמלט גלייבט נאָכ דער מאנ ניט. מע האָט זי שוינ אינ גרוב געלייגט, אָבער דער מאנ גלייבט נאָכ אלצ ניט. דער מאנ איז בלינד אונ טויב צו די ליידנ פונ דער פרוי (ג. אונ מ. נומ. 281). א שטומער אומבאהאָלפענער פּראָטעסט. דער „קאס פונ א יידענע" האָט זיכ נאָכ געזאמלט אינ די הערצער. אויסברעכנ וועט ער ערשט שפּעטער — אינ די יאָרנ פונ דער אופקומענדיקער ארבעטער־באוועגונג.

די פאָלקלאָר־לידער פונ די אונטערדריקטע שיכטנ האָבנ ארײַנגעבראכט אינעמ פאָלקלאָר־שאפנ ניט בלויז נײַעמ אינהאלט, סאָציאלע מאָטיוונ, זיי זײַנענ אויכ געקומענ מיט נײַער פאָרמ. אינ זיי איז ניטאָ די אָנגעצויגנקײַט, פּאָמפּעזיקײַט, פײַערלעכקײַט, וואָס אינ די סאָכריש־קלעריקאלע לידער, וועלכע צאצקענ זיכ מיט ווערטער־שפּילערײַ, מיט פּסוקימ־שטיקלעכ פונ סידער אונ מאכזער, מיט כאריפעסדיקנ שפּראַכ־געמיש, מיטנ געקינצלטנ אויסשטעלנ די געדאנקענ לויטנ סיידער פונ אלעפ־בייז. די פאָלקלאָר־לידער פונ די אונטערדריקטע שיכטנ קומענ מיט לעבעדיקע קאָנ־קרעטע געשטאלטנ, מיט א לעבעדיקנ נאטירלעכנ דיאלאָג, מיט א שפּראכ אָנ פּלי־טערלעכ אונ דריידלעכ, א שפּראכ, וואָס דריקט אויס ניט קיינ ווילטאָג פונ זאטע באלעבאטימ, נאָר א שפּראכ א מאסעווע, וואָס דריקט אויס פארשטיקטנ ווייטעק פונ מאסנ באאוולטע אונ דערשלאָגענע אונטער דער שווערער לאסט פונ עקאָנאָמישער

[1]) אינ גאָטלאָבערס קאָמעדיע „דער דעקטוכ" (א. ב. גאָטלאָבער צווייטער באנד) געפינענ מיר א מערקווירדיק ענלעכ ליד. איז גאָטלאָבערס ליד פארוואנדלט געוואָרנ אינ א פאָלקלאָר־ליר, אָדער גאָטלאָבער האָט אויסגענוצט א פאָלקלאָר־מאָטיוו פאר זײַנע צוועקנ — אפ דער פראגע איז שווער צו ענטפערנ. זע וועגנ דעמ אויכ ז. סקוריצקיס ארטיקל אינ „צײַטשריפט" ב. 5, ז. 250 — 252.

ענגקייַט אונ נעגידיש־קאָהאָלשנ ווילקיר, פונ פויעל אינ באלעבאטישנ קלעמ, פונ דער אָרעמער פרוי אונטערנ יאָכ פונ דעספאָטישנ מאנ.

די פאָלקלאָר־לידער פונ די גידעריקע שיכטנ זייַנענ לאכלוטנ פרייַ פונעמ טפילע־אונ מעדרעש־עלעמענט, פונעמ העברייִשנ באלאסט. דאָס ליד נומ. 50 בא ג. אונ מ. וועגנ דער רעקרוטשינע איז פארפאסט געוואָרנ בא 70 — 80 יאָר צוריק, אונ דאָכ — ווי פארשטענדלעכ אונ אונדז נאָענט ס'איז די שפראכ, דער זאצבוי, ווי עס וואָלט מיט א פאָר צענדליק יאָר צוריק פארפאסט געוואָרנ פונ א מאסנ־זינגער. ס'איז גענוג צו פארגלייַכנ דאָס ליד פונעמ פויעל מיטנ ליד פונ יעשיווע־באָכער, וואָס איז געדרוקט בישכיינעס מיט אימ (ג. אונ מ. נומ. 314, 315, 319), קעדיי צו דערזענ צוויי פארשיידענע סטילנ. אויכ דער יעשיווע־באָכער באקלאָגט זיכ אפ זייַנ לעבנ, אפ די באלעבאטימ, וואָס ער עסט בא זיי טעג, אפנ גאבע, אָבער ער באקלאָגט זיכ לויטנ... אלעפבייז, אונ ווענדעט זיכ צו גאָט נאָכ הילפ, ווענענ ער רופט דאפקע מיטנ לאָשנקוידעשדיקנ „יה״ (יאָ) אונ פארענדיקט דאָס ליד מיטנ טראַ־פארעטנ ספאָרימ־נוסעכ „טאמ ווענישלאָמ פונ אונדזערע צאָרעס״[1].

פאר דער קאָמפאָזיציע פונעמ „נידעריקנ״ פאָלקלאָר־ליד, וואָס באקלאָגט זיכ אפ סאָציאַלע אוולעס, איז כאראקטעריסטיש די אנטיטעזע. „בא זושע ראַ־קאָווער איז דאָ זיבנ באָנימ, איז פונ זיי ניט איינער אינ יעוואָנימ, נאָר לייע דער אלמאָנעס איינציקע קינד איז א קאפאָרע פאר קאָהאָלשע זינד״.

אָדער אזא אנטיטעזע:

---

[1]) די זעלביקע צוויי סטילנ האָבנ מיר אויכ אינ די סאָלדאטנ־לידער. דאָס ליד נומ. 47 בא ג. אונ מ., געבויט לויטנ אלעפבייז, הייבט זיכ אָנ אזוי: „איכורנו — איסור דרבנימ, לאָמיר זינגענ א ליד פונ יידישע יעוואָנימ״. ווייַטער באקלאָגט זיכ העור זינגער, אז מע טוט די יעוואָנימ באָרד אונ פייעס אָפשערנ, שאבעס אונ יאָנטעוו טוט מענ זיי פארשטערנ, שאטנעז דארפנ זיי טראָגנ א. אז. וו. אונ עס פארענדיקט זיכ, ווי אינ דעמ יעשיווע־באָכער־ליד: „יה, גאָט, קוק אראָפ, ווי די יידישע יעוואָנימ קומענ אָפ״. בישכיינעס מיטנ זאָזיקנ ליד איז פאראנ א צווייט סאָלדאטנ־ליד (נומ. 48), שוינ ניט לויטנ אלעפבייז, אונ וואָס הייבט זיכ אזוי אָנ:

„נעבנ וואסער וואקסנ ביימער
אונ אפ די ביימער וואקסנ צווייַגנ,
אז מ'האָט אונדז דאָ אינ קאראולקע ארייַנגעפירט
מוזנ מיר דאָכ גאָר שטיל שווייַגנ״.

ווייַטער באקלאָגט זיכ דאָס ליד אפ דעמ, וואָס דער סאָלדאט (שוינ ניט „יאָוונ״) איז געצוווּנגענ צו שלאָפנ אפ הוילע ברעטער, וואָס מע טוט אימ שליסנ די הענט מיט די פיס, וואָס מע גאָלט אימ אָפ א האלבע קעפל. אנדערע ווייטעקנ, אנדערע באקלאָגענישנ אינ אנ אנדער נוסעכ. דאָס ליד איז אָרגאניזירט ניט לויטנ אלעפבייז, נאָר לויט דער אנאלאָגיע מיטנ בוימ: דעמ בוימ קומט עפעס צו — דעמ סאָלדאט — א נייַע צאָרע.

„נעבנ וואסער וואקסנ ביימער
אונ אפ די ביימער וואקסנ צווייַגנ
אונ אפ די צווייַגנ בלעטער —
אז מע האָט אונדז דאָ אינ קאראולקע ארייַנגעפירט
מוזנ מיר שלאָפנ אפ די היילע ברעטער״.

אינ דער דריטער סטראָפע קומט צו „אונ אפ די בלעטער וואקסנ ניס, אונ אז מע האָט אונדז גענומענ פאר רעקרוטנ טוט מענ אונדז שליסנ די הענט מיט די פיס״. אינ דער פערטער סטראָפע קומט צו „אינ אפ די בלעטער וואקסנ עפל, אז מע האָט אונדז שוינ אינ פריזאָמ ארייַנגעפירט, גאָלט מענ דאָכ אונדז אָפ א האלבע קעפל״. צוויי דיאמעטראל־קעגנזעצלעכע קאָמפאָזיציעס.

„— זאָג־זשע מיר, טאַטינקע, וואָס איז מאַטאַמים?
— בא די גרויסע גווירים איז מאַטאַמים קאָמפּאָט,
און בא אָרעמע קאַפּצאָנים איז מאַטאַמים געהאַקטע צאָרעס,
דאָס איז די מאַטאַמים...״ (קיפּניס II ז. 86)

אָדער: „קופּ—קאָטלעטן געפּרעגלטע עסט דער נאָגיד, רייש—רעטעך גריזשעט דער אָרעמאַנ״ (דאָרטן, 119). די אַנטיטעזע זענען מיר בוילעט אינעם אויבנציטירטן ליד וועגן דעם רײַכן און אָרעמען ברודער. דאָס ליד איז קאָמפּאָנירט פון די צוויי קעגנזעצלעכע בילדער — דער אָרעמאַנ אין גאַניידן און דער גוויר אין גענעם. די אַנטיטעזע איז אויך פאַראַן אין דער רעקרוטשינע־באַלאַדע אינעם דיאַלאָג צווישן דער קאַהאָל־באַנדע און דער אומגליקלעכער מוטער. זי איז אויך פאַראַן אינעם ליד פונעם פּויעל, אין די לידער וועגן דער פּרוי. די אַנטיטעזע שפּיגלט נאָכדערווײַל אָפּ בלויז די קינע־סינע־באַציִונג צווישן אָרעמאַנ און נאָגיד, ביכלאַל צווישן שטאַרקע און שוואַכע. זי וועט אָבער שפּעטער אינעם פאָלקלאָר־ליד פונעם אַרבעטער־קלאַס אויסוואַקסן אין אַן אויסדרוק־פאָרם פון שטײַגנדיקן קלאַסנבאַוווּסטזײַן.

אינעם „נידעריקן״ פאָלקלאָר־זשאַנר דאָמינירט דער פירשורעדיקער פערז מיט די איבערגעקרייצטע גראַמען, וואָס איז אויך א באַווײַז, אַז דאָס פאָלקלאָר־ליד פון די מאַסן רײַסט זיך אָפּ פון די סטיל־וואָרצלען פון טײַטש־כומעש, טכינעס און מאַכזער, פּונקט ווי עס רײַסט זיך אָפּ פון דער מיטל־אַלטערלעכער נאַציִאָנאַל־שאָוויניסטישער טעמאַטיק און אידעאָלאָגיע. אינעם רעוואָליוציִאָנערן פאָלקלאָר וועט שוין די פירשורעדיקע סטראָפע פאַרנעמען דאָס הויפּט־אָרט.

ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס ברייטע און אינטענסיווע פאָלקלאָר־שאַפן פון די נידעריקע סאָציִאַלע שיכטן האָט זיך ניט אויסגעשעפּט מיט די סאָציִאַלע מאָטיוון. די נידעריקע שיכטן, אונטערדריקטע, פאַרשקלאַפטע, אָבער פראָסט־ערדישע און לעבנסלוסטיקע, מיט יונגע און פרישע נעשאָמעס, ווי מענדעלע דריקט זיך אויס, האָבן אַרײַנגעבראַכט אינעם פאָלקלאָר־שאַפן מאַמעש אַן איבעראַשנדיקע שעפע פון ליבע־מאָטיוון (בא ג. און מ. אַליין איז פון 376 לידער 102 ליבע־לידער, נאָך א גרעסערע צאָל ליבע־לידער האָבן מיר אין ל. קאַהאַנס זאַמלונגען). ווי דער באַלעבאָס האָט ניט פאַרשטעלט פאַרן פּויעל אַלע פרײַע וועגן, האָט דער פּויעל דאָך געפונען דעם וועג צו זײַן „דושינקע״. אין דער פּויעלים־טוויווע, ביכלאַל אין דער סוויווע פון די נידעריקע שיכטן, האָט מען זיך געליבט, צעשיידט, געצייפערט, און וועגן דעם אַלעם געזונגען לידער. פון דער אַנדערער זײַט, האָט דאָס ליבע־ליד גופע געווירקט ווי א רעוואָליוציִאָניזירנדיקער פאַקטער, האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם באַלעבאַטישן שידוכים־און כאַסענע־פאָלקלאָר [1].

[1]) די ראָל פונעם ליד אין דער ליבע גופע האָט שוין אָפּגעמערקט כ׳ אויסלענדער. אין פיל ליבע־לידער רעדט זיך וועגן דעם. „ער גייט אוועק צו אַן אַנדערער און שרײַבט פון מיר לידער״ (ג. און מ. נומ. 216), „אַז דו ווײַסט הערן דאָס ליד זינגען, וואָס פאַר א פּאָנעם ווײַסטו האָבן בא דער וועלט״ (דאָרטן, נומ. 186), „וואָס דו האָסט געמאַכט אָפּ מיר א ליד, געוויס איז דאָס נישט שיין״ (דאָרטן, נומ. 169). אָפּ דער סאָציִאַלער אָפּשטאַמונג פון די לידער האָבן מיר גענוג אָנווײַזונגען אין די לידער גופע (ג. און מ. נומ. 177, 181, 211, 224 א. א.). פאַראַן אויך ליבע־לידער פון די באַלעבאַטישע שיכטן. די טעמע פאָדערט א ספּעציִעלע אויספאָרשונג.

אויך דער „דרײַ־פייענ״־סטיל (ווײַסנבערגס דרײַ פייען, ניט אשס) איז פֿאַר־געשטעלט אינעם פֿאָלקלאָר־שאפֿנ פֿונ די נידעריקע שיכטנ. קלײנבירגערלעכע האָרע־פֿאשניקעס, באלמעלאָכעס, באלעגאָלעס א. אנד. האָבנ געזונגענ לידער, אונ געזונגענ פּראָסט אונ האמויניש, ווי עס האָבנ גערעדט ווײַסנבערגס „טאטע מיט באָנים״. „איך פֿארלײג מיר א פֿוס אפֿ א פֿוס אונ זינג מיר א לידעלע צוקער־זיס. מיט א נאָדל, אָנ א נאָדל, ניי איך מיר בעקאָווער גאָדל״ (קיפּנים „80 לידער״)—זינגט „הוליע־קאפּצנ־דיק״ דער שנײַדער. בא ג. אונ מ. איז פֿאראנ א ווארִיאנט פֿונ אָט דעם ליד, ווו דער „הוליע־קאפּצנ״ באווײַזט זײַנ לעבעדיקנ פּאָנעם, דעם פּאָנעם פֿונ א פֿריילעכנ שנײַדער־יונג.

„אז די יאָלדנ וואָלטנ זיך וועלנ באקלערנ,
וואָלטנ זיי אלע שנײַדערס ווערנ...
אונ ווער איז טאקע א פֿײַנער יונג ?
טאקע איך — מוישע קלינג:״.

(ג. אונ מ. נומ. 321).

ער לעבט א קלאָגעדיק לעבנ, דער שנײַדער, „ער האָט קאדאָכעס נישט קיינ ברויט״; דער קאזשענצער רעבע, פֿאר וועלכנ ער האָט א פֿומער אופּגענײט, וויל אים קײנ גראָשנ ניט באצאָלנ (קיפּנים „80 לידער״ ז. 111), אָבער ער איז מונטער אונ לעבנסלוסטיק, אונ ער איז אלעמאָל א באלנ אפֿ א קריג טאָנ זיך מיט די יוסטע באלעבאטים, די יאָלדנ [1].

דער באלעגאָלע זינגט מיט זײַנ יאָדערדיק באלעגאָלע־לאָשנ:

„פֿאָר איך מיר ארויס מיט צווײ פֿערד מיט געזונטע פֿיס,
כ׳טו א פֿײַפֿ אונ א שמיצ — איז דאָך צוקער־זיס״.

(ג. אונ מ. נומ. 328).

אָדער דאָס בארימטע ליד —

„איך בינ א באלעגאָלע,
איך ארבעט אָנ אנ עק,
איך שפּיל מיר אָפּ מײַנ קלײנע ראָלע
אונ איך פֿאָר אוועק״ —

מיט דער „פֿולער בויד מיט ווײַבער, וואָס גראגערנ אונ פּילדערנ״, מיט דעם ספּעציפֿישנ צושפּיל: וויאָ, וויאָ, וויאָ, מיט דער אימפּעטפֿולער מעלאָדיע, וואָס עס הערט זיך אינ איר—דער פֿריילעכער פֿערד־געלאָפּ.

אז די פֿאָלקלאָר־דיכטער האָבנ פֿארשטאנענ די פֿונקציע פֿונ די פּראָפֿעסיאָנעלע רייד־באזונדערקײַטנ אלס קינסטלעריש ווירקונג־מיטל, באווײַזט אונדז אנ אנדער פֿאָלקלאָר־ליד. א כאונ איז געקומענ אינעם שטעטל, זײַנענ אים געגאנגענ הערנ „די דרײַ שענסטע באלעבאטים״: א שנײַדערל, א קאָוואלטשיקל אונ א באלעגאָל־טשיקל. יעדער פֿונ זיי האָט נאָכדעם איבערגעגעבנ ווי דער כאונ האָט געדאוונט.

---

[1]) זע אויך די הומאָריסטישע שנײַדער־לידער אינ סקודיצקיס זאמלונג. אָפּטייל „מעלאָכע־לידער״, נומ. 2, 3, 6, 7.

דער שנײַדער:

„אזױװױ מע גיט מיטן גאָדל א שטאָך
און מיטן אײַזן א פּרעס״.

דער קאָװאַל:

„אזױװױ מע גיט מיטן האמער א זעץ
און מיט די קלעשטשעס א קװעטש״.

דער באַלעגאָלע:

„אזױװױ מע גיט מיט די לײצעס א ציִ
און מיטן בײַטשל א כװאַטש װיאָ״.
(קיפּניס „80 לידער״ ז. 97)

מעגלעך, אז דאָס דאָזיקע ליד האָט געמאכט א באַלעבאַטישער יונגערמאַן צוליב כּװיזעק. אָבער אַלצײנס לאָזט זיך דאָ פילן די געזונטע שטים פון א געזונטן סאָציאַלן שיכט, װאָס איז צוזאַמען מיט די פּױעלים און באַלמעלאָכעס געװען דער רעזערװואַר פונעם ארבעטער־קלאַס.

ס׳איז קעדײַ אָפּצומערקן נאָך א װיכטיקן מאָמענט אין די פאָלקלאָר־לידער פון אָט די שיכטן האָרעפּאַשניקעס: דאָס איז דער הומאָר. אױסער די קינדער־לידער און שפּעטער די מאַסקילישע פאָלקלאָר־לידער, טרעפן מיר, דוכט זיך, דאָ דעם הומאָר צום ערשטן. אָט דערצײלט א באַלעגאָליש פאָלקלאָר־ליד:

„האָב איך אין יאַסװען א פערדל געדונגען,
האָט ער געהירזשעט און געשפּרונגען,
האָט מיט אים די װעלט געקלונגען...
געשמידט איז ער אױף אַלע פיר,
ער מײנט ער איז א גרױסער גװיר,
ער שטעלט זיך אָפּ בײַ יעדער טיר״ א. אַז. װ.
(ג. און מ. נומ. 327).

הומאָר האָבן מיר געזען אױך אין די פריִער־ציטירטע לידער.

6. דאָס פאָלקלאָר־ליד פון דער בורזשואַזער האַסקאָלע

אױך די בורזשואַזע האַסקאָלע האָט זיך מיט א ברײטער האַנט באַנוצט מיט דעם פאָלקלאָר־ליד פאַר אירע מאַסקילישע קאַמף־צװעקן. באַזונדערס אינ דער צװײטער העלפט 19־טן יאָרהונדערט, װען די האַסקאָלע־באַװעגונג איז אַרײַנגעדרונגען אין די קלײנבירגערלעכע שיכטן. מע קען אַפילע רײדן װעגן א ספּעציעלן מאַסקילישן פאָלקלאָר־זשאַנר. דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אָט דעם זשאַנר: די פאַרשטעלטע סאַטירע און פּאַראָדיע. די ציל־ברעט פונעם מאַסקילישן פאָלקלאָר־ליד איז ס׳ראָװ דער כסידישער רעבע.

אַז דער „הײליקער מאָשיעך״ װעט קומען, דערצײלט א מאַסקילישע פאָלקלאָר־ליד, װעלן די כסידים זײַן די ערשטע אין שלאַכט מיט די דײַטשן. דער רעבע װעט זײַן קאָמענדאַנט, זײַנע קאַרעטע װעט זײַן פון פּאַרמעט, די רעדער — פון אצײ־שיטים, די אַקסן — פון אצײ־גופער א. אַז. װ. (קיפּניס „80 לידער״ ז. 89). יעדער סטראָפע װערט פאַרענדיקט מיט געמאַכטער טמימעס: „װי דערלעבט מען שױן דאָס, ס׳עט דאָך זײַן א ליכטיקע װעלט!״

אין אן אנדער ליד פרעגט איינ כאָסיד דעם אנדערנ: „ווענ דו וואָלסט געווענ דער בוירע־אוילעם, וואָס וואָלסטו געמאכט?“ אונ דער צווייטער ענטפערט: „כ׳וואָלט גע־מאכט א טשאָלנט, ער זאָל אינ אויווּנ נישט אריינגיינ, אפּיקאָרסימ אונ מיסנאגדימ וואָלט איכ א קרענק געגעבנ, נאָר די כסידימלעכ“ (דאָרטנ, ז. 87). דאָס זעלבע אויכ מיטנ קוגל. יעדער סטראָפע פארענדיקט זיכ מיטנ „טמימעסדיקנ“ רעפרענ: „האַלעוויי וואָלט דאָס עמעס געווענ“. ערשט אינ דער לעצטער סטראָפע קומט דער „בעסוילעמ“, אונ אויכ דאָ פארענדיקט זיכ אפנ זעלבנ אויפנ: „האַלעוויי וואָלט דאָס עמעס געווענ“...

די זעלבע פארשטעלטע סאטירע־פּאראָדיע זעענ מיר אינעמ באוווּסטנ מאסקילישנ פאָלקלאָר־ליד „קומ אהער, דו פילאָזאָפ“. דער דאָזיקער סטיל איז בּיכלאל געווענ פאר־שפּרייט אינ דער מאסקילישער „ליטעראטור“. דער „מגלה טמירין“, פיל בלעטלעכ אינ לינעצקיס „פּוילישנ יינגל“, אינ מענדעלעס ווערק, פיל לידער י. ל. גאָרדאָנס, מ. גאָרדאָנס, וועלוול זבּארזשערס א. א. זיינענ פארפאסט אינ אָט דעמ סטיל. ווי א מוסטער קענ דינענ מיכל גאָרדאָנס „מיינ ווידע“ (פאר דעמ כסידישנ צאדיק), ווו א מאסקיל איז זיכ מיסוואדע פארנ רעבנ מיט א געמאכטער טמימעס אונ פירט דעמ האלב־פארגלויבטנ לייענער ביז ער קומט צומ לעצטנ פערז, וועלכער קערט אלצ איבער קאפּויר [1]). אינ אזא געמאכט־נאַיִוונ טאָנ איז פארפאסט די פארשפּרייטע מאס־קילישע פאָלקלאָר־באלאדע וועגנ בעקעלע, וואָס איז געבוירנ באמ רעבנס גאבע, אונ מע האָט עס געפירט אינ מיקווע אריינ. אז דאָס בעקעלע איז אנטלאָפנ, האָבנ כסי־דימ באשלאָסנ, אז אינ דעמ איז אריינ א דיבעק, אונ דער רעבע האָט געהייסנ גוימל בענטשנ. די באלאדע פארענדיקט זיכ: „איר אפּיקאָרסימ, הולטייעס, וועט פונ דעמ לאכנ אונ שפּאָטנ, וועט מענ אייכ דערפאר אפ יענער וועלט ברענענ אונ בראָטנ“ (קיפּניס „80 לידער“ ז. 91. ווארי. בא ג. אונ מ. נומ. 364). פארשטעלטנ כויזעק האָבנ מיר אויכ אינ דעמ מאסקילישנ פאָלקלאָר־ליד וועגנ דער באנ, כויזעק פונ די אָפּגעשטא־נענע, וואָס קענענ זיכ ניט פאָרשטעלנ, אז „פייער מיט וואסער זאָלנ פירנ ווי א פערד“ (ג. אונ מ. נומ. 326).

מאסקילישע פאָלקלאָר־לידער זיינענ מיסטאמע אויכ די זייער שיינע לידער וועגנ דער „שקלאָווער רעבעצנ“ אונ „פריי טיק פארטאָג“ (ג. אונ מ. נומ. 311, 365).

ביכלאל דארפ מענ אָפּמערקנ, אז די מאסקילישע פ א ָ ל ק ל א ָ ר־לידער זיינענ פיל קינסטלערישער, ווי די מאסקילישע ל י ט ע ר א ר י ש ע לידער. זיי זיינענ פריי פונ זייער רעזאָניאָרעריי, פונ זייער צעצויגנקייט. אינ דעמ איבערציינגנ אונדז באזונ־דערס די מאסקילישע פאָלקלאָר־לידער, וואָס זיינענ טראנספאָרמירט געוואָרנ פונ געדרוקטע. פונ א כ צ נ סטראָפעס פונ מיכל גאָרדאָנס „די מאשקע“ („יידישע לידער“ ז. 49) איז אינ דער פאָלקלאָרישער „די מאשקע“ (קיפּניס „80 לידער“ ז. 59. פאר־שריבנ אגעוו פונ פערעצ מארקישנ) פארבליבנ בלויז ז י ב נ סטראָפעס. ס׳זיינענ ארויסגעפאלנ דער מאשקעס לאנג־נודנע מאָנאָלאָגנ, די כקירעריי, ס׳זיינענ פארבליבנ בלויז די מער בילדעריש־הומאָריסטישע כטראָפעס, וואָס זיינענ אינ פאָלקלאָר־טעקסט נאָכ מער פארבילדערישט געוואָרנ, אונ ס׳זיינענ צוגעקומענ נייע בילדער (אינ כיידער, אפ טנאָיִמ, נאָכ דער כאסענע). אָט איז א פּאָר ביישפּילנ:

[1]) זע מ. גאָרדאָנ. „יידישע לידער“ ז. 66. מיטנ זעלבנ סטיל זיינענ געשריבנ אויכ מ. גאָרדאָנס „די באָרד“, „דער געט“, גאָלדפאדנס א „פריילעכ כאָסידל“ („יודעלע“).

באַ מ. גאָרדאָנען:

„בעשאַס מע האָט מיך צו דער כופּע געבראַכט,
וואָס דאַרף איך די צאָרע, האָב איך זיך באַדאַכט,
נאָר באַלד האָט מען מאַשקע געבראַכט צו טראָגן,
די שעווע-בראָכעס אַף מאַשקע צו זאָגן.
ווען איך וואָלט דאָ די מאַשקע ניט אָנגעטראָפן,
וואָלט איך פון דער כופּע באַלד אַנטלאָפן".

אין פאָלקלאָר־טעקסט:

„איך געדענק, אַז מע האָט מיך צו דער כופּע געפירט
האָט מען גענומען צו ביסעלעך שפּירט,
און דער ראָוו האָט געזאָגט די בראָכעס,
און אין בעכער איז געבליבן אַ קאַדאָכעס...
און איך בין געשטאַנען ווי אַ פאַרגעור יונג
און געלעקט דעם בעכער מיט דער צונג".

ביכלאַל דאַרף מען מעשייער זײַן, אַז די מאַסקילישע פאָלקלאָר־לידער זײַנען ס׳ראָוו פאָלקלאָריזירטע איבעראַרבעטונגען, אָדער פאַרפאַסט לעכאַטכילע פון מאַסקילים, וואָס זײַנען זייער נאָענט געשטאַנען צו די מאַסן און געוווּסט די קינסטלערישע טענדענץ פון דעם מאַסן־ליד, זײַן קאָנקרעטקײַט און בילדערישקײַט, זײַן סינע צו רעזאָנירערײַ[1].

די מאַסקילישע פאָלקלאָר־לידער האָבן געשפּילט אַ היפּשע ראָליע אינעם צעשטערן דעם מיטלאַלטערלעכן שטייגער און האָבן די פאָלקלאָר־דיכטונג, עפּשער די דיכטונג ביכלאַל, אופגעהויבן אַף אַ העכערע שטופע. אָבער די מאַסקילישע פאָלקלאָר־דיכטונג, ווי די מאַסקילישע ליטעראַטור ביכלאַל, האָט זיך מאַכמעס איר בורזשואַזער באַזע ניט געקענט דערהייבן צו אַ באַדײַטנדיקער סאָציאַלער הייך. ווײַטער פון פּאַראַדיעס אַפן צאַדיק און פּראָטעסטן קעגן קאָהאָל האָט זי ניט געקענט גיין. סאָציאַל־באַטײַטפולער איז דאָס פאָלקלאָר־ליד געוואָרן ערשט באַם אופקום פון דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, אויסוואַקסנדיק אַף אַ נײַער, אַרבעטערשער, סאָציאַלער באַזע.

7. דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלקלאָר־ליד

דאָס לעבן פון די ייִדישע מאַסן איז ניט געשטאַנען אַף איין אָרט, די ייִדישע סוויווע איז ניט געבליבן שטיין באַם פאַרצײַטיקן סויכער, באַלמעלאָכע, פּויעל.

די ראַשיקע אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד אין דער צווייטער העלפט 19־טן יאָרהונדערט האָט אויך אופגעטרייסלט די ייִדישע באַפעלקערונג. דער פאַרצײַטיקער סויכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאָדערנעם אונטערנעמער, דער פּויעל — אין אַ מאָדערנעם פּראָלעטאַריער. אויך די „דרײַ פייען" האָבן זיך טיילווײַז פּראָלעטאַריזירט. קינדער פון האָרעפּאַשניקעס זײַנען געוואָרן פאַבריק־אַרבעטער. אַ באַזונדערס גרויסן מאַסשטאַב האָט אָנגענומען דער דאָזיקער פּראָצעס אין די 90־קער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען ס׳זײַנען אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין פּראָלעטאַריזיר־פּראָצעס היפּשע טיילן פונעם פאַראָרעמטן קלייןבירגערטום.

די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע איז אין יענע יאָרן געווען אומגעהייער גרויס. דער אַרבעט־טאָג איז געווען אומבאַגרענעצט, דער אַרבעט־לוין — אַ מיזערנער, די אַלגעמיינע אַרבעט־באַדינגונגען — אומדערטרעגלעכע. אָבער אין די 90־קער יאָרן האָט

[1] די פראַגע וועגן די פאָלקלאָרישע איבעראַרבעטונגען פון מאַסקילישע געדרוקטע לידער איז זייער אַ ברייטע און פאָדערט אַ באַזונדער אָפּהאַנדלונג. וועגן איבעראַרבעטונגען פון גאָטלאָבערס לידער זע ז. סקודיצקיס אַרטיקל אין „צײַטשריפט" נומ. 5. כ׳ רימיניק האָט זיך אויך אָנגעשטויסן אַף איבעראַרבעטונגען פון לינעצקיס לידער (דאָרטן, ז. 183).

שוין די ארבעטער־באַוועגונג געמאַכט אַן אַנטשיידענעם קער צו פאַרוואַנדלען זיך פון אַ ספּאָראַדישער קרייַזל־באַוועגונג אין אַ ברייטער מאַסן־באַוועגונג. די ארבעטנדיקע פון אַלע פעלקער האָבן זיך אָרגאַניזירט צום קאַמף מיטן צאַריזם, מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, צום קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, זיי האָבן אַרויסגעגעבן פון זייערע רייען מוטיקע, שרעקלאָזע העלדן און קעמפער פאַר דער ארבעטער־זאַך.

ווי אַ געווער פונעם מעכטיקן פראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף איז אויך געקומען דאָס נייַע פאָלקלאָר־ליד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־סוויווע [1].

צווישן די ארבעטער־לידער זייַנען פאַראַן אַזוינע, וואָס שפּיגלען נאָך אָפּ די צייַט, ווען דער ארבעטנדיקער האָט געפילט זייַנע ליידן, אָבער ער האָט נאָך ניט געהאַט דאָס באַוווסטזייַן פון זייַן קראַפט.

„ווער סטראַדייַעט נאָך אַזויפיל אָפּ דער וועלט
ווי איך, נעבעך, אָרעמער ארבעטסמאַן,
איך בין פאַרקויפט צו דעם מענטשן פון געלט,
און איך שטיי, ווי דאָס פערד אין געשפּאַן".

(לעמאַן ז. 117)

„סטראַדייַעט", „נעבעך", „אָרעמער ארבעטסמאַן", דער פאַרגלייַך צום פערד אין געשפּאַן — אָט איז דער סטיל פונעם פאָלקלאָר־ליד פון דעם פעריאָד, ווען דער ארבעטסמאַן האָט בלויז געקרעכצט אונטערן שווערן יאָך פון קאַפּיטאַליזם. אין אַן אַנדער ליד דערציילט דער ארבעטער:

„עס דרייען די רעדער, עס קלאַפּן די מאַשינען,
אין פאַבריק איז פינצטער און הייס,
דער קאָפּ ווערט פאַרדרייט, די אויגן ווערן טונקל,
טונקל פון טרערן און פון שווייס".

(דאָרטן, ז. 120)

דאָס ליד איז אַ פאָלקלאָרישע איבעראַרבעטונג פון עדעלשטאַטס ליד „דער ארבעטער" [2]. די איבעראַרבעטונג איז ניט קיין צופעליקע. אין דעם פעריאָד איז עדעל־

[1]) זע „ארבעט און פרייַהייַט". זאַמלונג פון לידער, וואָס זייַנען אַנטשטאַנען אין פאָלק אין דער צייַט פון דער „פרייַהייַט־באַוועגונג" אין צאַרישן רוסלאַנד. ווערטער און מעלאָדיעס געזאַמלט און דערקלערט פון שמואל לעמאַן. פאָלקלאָר־ביבליאָטעק וואַרשע 1921.

מייַן ארבעט איז צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק איידער עס איז דערשינען סקודיצקיס נייַע מאַטעריאַלן־זאַמלונג („פאָלקלאָר־לידער" נייַע מאַטעריאַלן־זאַמלונג צוגעגרייט צום דרוק מיט אַן אַרייַנפיר און באַמערקונגען פון ז. סקודיצקי אונטער דער רעדאַקציע פון מ. ווינער, אינסטיטוט פאַר ייִדישער פראָלעטאַרישער קולטור בא דער אַלוקר. וויסנש. אַקאַדעמיע, עטנאָגראַפישע סעקציע. פאַרלאַג „עמעס" מאָסקווע 1933). דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אין גרונט פון דעם דאָזיקן קאַפּיטל איז געלייגט געוואָרן בלויז לעמאַנס זאַמלונג. אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל וועט דער לייענער באַמערקן געוויסע צונויפפאַלונגען מיט דעם אַרטיקל פון כ' סקודיצקי „וועגן פאָלקלאָרישן ארבעטער־ליד" („פּראָבלעמעס פון פאָלקלאָריסטיק", זאַמלונג 1. אַרויסג. פונעם אינסטיטוט פאַר ייִד. קולטור בא דער אַלוקר וויסנ. אַקאַד. עטנאָגר. סעקצ. 1932), וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָך דעם ווי די ארבעט איז צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק (זע דעם פאָרוואָרט פון דער רעדאַקציע „פּראָבלעמעס פון פאָלקלאָריסטיק" ז. 10).

[2]) זע דאָוויד עדעלשטאַט. „לידער פון קאַמף און נויט". פאַרלאַג „עמעס". ז. 67. דאָס ליד איז אין דער פאָלקלאָרישער איבעראַרבעטונג שטאַרק פאַרקירצט (גענויער וועגן דעם ווייַטער).

שטאטס טרערן־ליד נאָך געווען שטארק נאָענט דעם ארבעטער צום הארצן. דער בעקער־ארבעטער קלאָגט:

„אוי, אונדזערע טעג מיט אונדזערע יאָרן
גייען אוועק מיט היץ און מיט רויך".
(דאָרטן, ז. 127)

דער שניידער־ארבעטער:

„מיינע יונגע יאָרן האָב איך אָנגעוואָרן
זיצנדיק שטענדיק באַם געניי".
(דאָרטן, ז. 132)

„שפעט גיי איך זיך לייגן, פרי מוז איך אופשטיין" — אָט דאָס איז איינער פון די לייטמאָטיוון פון די אַלע לידער, וואָס דערציילן פון נויט און פּיַין, פון גייט־מענטשלעכער עקספּלואטאציע, פון נאקעטקייט און הונגער. דאָס געשטאלט פונעם מייסטער פארנעמט א באדייטנדיק אָרט אינעם דאָזיקן מארטירער־בילד. דער מייסטער וויל זיך אויספּיינען פארן באַלעבאָס און ער „פארצאפּט דעם ארבעטער דאָס בלוט" (דאָרטן, ז. 134). „מיר ארבעטן, מיר ארבעטן, דער מייסטער האָט דאָס געלט" — דער־ציילט זיך אין אן אנדער ליד (דאָרטן, ז. 124). דער ארבעטער איז נאָך דערווייַל מאכט־לאָז, וויינט ער, און אמאָל ווענדעט ער אויך די אויגן צום ריבוינעשעלוילעם:

„צו גאָט וויל איך בעטן
מיט א גרויס געוויין:
צו וואָס בין איך געבוירן
א שניידערן צו זיין".
(דאָרטן, ז. 138)

אזוי פארצווייפלט איז די שניידערקע. זי ווייסט נאָך ניט דעם סאָד, אז דער „ראָוו מיטן פּאָפּ פארדרייען אונדז דעם קאָפּ מע זאָל נישט זען, ווי מע טוט אינדז בארויבן" (דאָרטן, ז. 47)[1].

ס'איז אָבער קעדייַ אָפּצומערקן, אז די טרערן־און קרעכצן־לידער פארנעמען זייער א קליינעם אָרט, לעמאָשל, אין לעמאנס זאמלונג, און דאָס איז פארשטענדלעך. „דער גרעסטער טייל פון דער זאמלונג, שרייבט לעמאן, איז אופגענומענע געוואָרן אין די יאָרן 1903—1906, וואָס איז מערסטנטייל די צייט פון זיין אנטשטייונג". דאָס זיינען די יאָרן, ווען די רעוואָליוציאָנערע כוואליע איז געוואָקסן און געשטיגן. דער ארבע־טער־קלאַס איז געקומען צו זיין באוווסטזיין, „אז ווען דער ארבעטמאן נאָר וויל, שטייען אַלע רעדער שטיל" (הערוועג).

אינעם גרעסטן טייל לידער פון דער דאָזיקער זאמלונג הערט זיך שוין די שטים פונעם רעוואָליוציאָנערן שטורעם און דראנג. עס איז שוין ניטאָ אין זיי דאָס געפיל פון איינזאמקייט און פארלאָרנקייט, וואָס וואגט ניט פּראָטעסטירן. זיי אָטעמען מיט קאמפלוסטיקייט, קלאַסן־אכדעס און קלאַסן־ווירדע. „שוועסטער און ברידער, לאָמיר זיך ניט אירצן, לאָמיר מיקאַלייעלן די יאָרן פארקירצן" (דאָרטן, ז. 22). דער רוסישער לאָזונג, מיט וועלכן אָט דאָס לידל ווערט באגלייט („היץ, היי! דאַלוי פּאָליצייַ! דאַ־

[1] ארבעטערשע קלאָג־לידער זע אויך אין סקורעצקיס נייַער זאמלונג, ערשטער אָפּטייל נומ. 1—10. אויך י. ל. קאהאנס יידישע פאָלקס־לידער באנד 2.

לוי סאמאָדערזשעצ וו' ראָססיי!") האָט פאַרייניקט די ארבעטער פון אלע פעלקער צום מעכטיקן אָנגריף אפן אלגעמיינעם סוינע פונעם ארבעטער־קלאס [1].

די טעמאַטיק פונעם רעוואָליוציאָנערן פאָלקלאָר־ליד איז זייער א רייכע: די רוסיש־יאפּאַנישע מילכאָמע, דער אלגעמיינער שטרייק, דער מאטראָסן־בונט, די קאָנסטיטוציע, צוזאמענשטויסן צווישן באלעבאטים און ארבעטער—אלץ געפינט זיין אָפּקלאנג אינעם רעוואָליוציאָנערן פאָלקלאָר.

איינע פון די באליבטע טעמעס איז דאָס געשטאלט פונעם טאמעוואטן קייסער, דעם אידיאָט אפן טראָן.

„אפ מיין קליינעם קעפּעלע
ליגט א גאָלדענע קרוין,
און עס דריקט מיין מויעכל
ווי א שווערער שטיין".
(דאָרטן, ז. 19)

אָט דאָס ליד שטאמט—לויט איר פּאָעטישער טעכניק—געוויס פון אינטעליגענטיש־ראדיקאלע קרייזן, אָבער דאָס געשטאלט פונעם אידיאָטישן קייסער איז פאראן אויך אין פיל אנדערע פאָלקלאָר־לידער (זע דאָרטן, ז. 11, 13, 16). אין א סאטיריש וויג־ליד פארוויגט דער קייסער זיין יורעשל אלעקסייען מיט די ווערטער: „דו זאָלסט זיין א לאנד־כאָכעם, קליגער נאָך פון מיר" (דאָרטן, ז. 18) [2].

ניט קיין קלענערן האס דריקט אויס דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלקלאָר־ליד דעם מייסטער. מיט א בארעכטיקטן נעקאָמע־געפיל דערציילן די וואריאנטן פון דער מייסטער־באלאדע וועגן דעם מיעסן פסאק, וואָס דער מייסטער האָט באקומען פון די ארבעטער (ז. 37, 40).

דאָס ליד וועגן דעם ארבעטער־שטרייק וואנדערט ארום פון שטאָט צו שטאָט. אין איין וואריאנט פיגורירט ווארשע, אין א צווייטן — טשערקאס, קיעווער גובערניע,

[1] דער איבערגאנג פונעם קלאָגערייַ־עטאפּ צו דעם קאמף־עטאפּ איז גאנץ אָפּט פארפיקסירט אין וואריאנט פון איין און דעם זעלביקן ליד. א אינטערעסאנטן מוסטער האָבן מיר אין סקוריצקיס זאמלונג. דאָס ליד נום. 35 ז. 52, ווו סע ווערט דערציילט וועגן אן ארעסטירטער ארבעטער־פארזאמלונג, פארענדיקט זיך אזוי:

„ווי מע האָט אונדז נאָר אין אוטשאסטאָק אריינגעפירט,
האָט מען געפלאָכטן פון שאשקעס א קייט,
מע האָט ניט צוגעלאָזט קיין מוטער צו קיין קינד
צו דערלאנגען א שטיקעלע ברויט".

דער ארבעטער־קעמפער איז מיט דעם ניט געבליבן צופרידן. זיין וואריאנט ענדיקט זיך שוין גאנץ אנדערש:

„אזוי זיינען אָנגעלאָפן די פּאָטערס מיט די מוטערס
און ס'איז געוואָרן א יאָמער מיט א קלאָג,
— אוי, הערט שוין אוף צו וויינען און צו קלאָגן,
פאלט בא זיך אפ אזויפיל ניט אראָפּ,
אפ אייערע קינדער וועט מען אייך אמאָל מעקאנע זיין,
ווייל זיי סטראדייען נעבעך פארן גאנצן נאראָד".

דער „נעבעך" מיטן צורוף זיינען כאראקטעריסטיש פארן איבערגאנג.

[2] איבערגעארבעט פון שאָלעם־אלייכעמס הומאָריסטישן אנטיצארישן וויג־ליד („שאָלעם־אלייכעם־בוך" ז. 61).

אין א דריטן — פינסק [1]). אומעטום פאסט זי זיך צו צו די אָרטיקע באַדינגונגען פון קאמף. אין יעדער וואַריאַנט ווערט אָנגערופן א קאָנקרעטער נאָמען. אין ווארשע הייסט דער קאפיטאליסט בערקע, אין טשערקאס — זאַריצקי, אין פינסק — האלפּערן. עס באווייזט די גרויסע פארשפרייטונג פונעם רעוואָליוציאָנערן פאָלקלאָר־ליד און אויך זיין קאָנקרעטע פונקציע אינעם קלאסנקאמף.

די לידער פונעם ציקל „קאמף" שמעקן מיט פּולווער פונעם 5־טן יאָר. דער פּראָלעטאריאט קומט צו זיין היסטאָרישן באוווסטזיין, אז „מיט זיין ביטערן שווייס מאכט ער די וועלט רייך און גרויס, און אליין האָט ער ניט וואָס צו געניסן" (דאָרטן, ז. 46). און זיין זינגער רופט דאָס ארבעטער־פאָלק פאָדערן זיינע רעכט, „באפרייען זיך פון זיינע קייטן" (די באליבטע מעטאפאָר פונעם רעוואָליוציאָנערן פאָלקלאָר), מאכן א סאָף צו דער הערשאפט פון פריצים און גראפן, בורזשויען און קאפיטאליסטן, ראבאָנים און פאָפּעס, וואָס „פארדרייען דעם ארבעטער־קלאס מיט א רעליגיאָן און א גלויבן", וואָס מאכן אים בלינד מיט אויירעס און זינד, „מע זאָל ניט זען, ווי מע טוט אונדז באַרויבן" (דאָרטן, ז. 47). מיט ברען פון א יונגן קלאס, וואָס גייט אין קאמף פאר א נייער אָרדענונג, האָט דער ארבעטער געזונגען די דאָזיקע פּרימיטיווע ווערטער און איז נעגאנגען שטורמעווען די דרויסנדיקע פעסטונגן פון רויב און אומרעכט.

אין אָט דעם פּאָפּולערסטן ארבעטער־ליד איז נייטיק אונטערצושטרייכן זיין אינטערנאציאָנאלן כאראקטער: פריצים און בורזשויען, ראבאָנים און פּאָפּעס — אלע זיינען דעם ארבעטערס קלאסן־סאָנים. די „פירער" פונעם יידישן ארבעטער, די „נאציאָנאל־סאָציאַליסטישע" פּארטיי־לידערס האָבן שוין צו יענער צייט געהאט פארוואָרפן זייער אינטערנאציאָנאליסטישע פּראַזעאָלאָגיע. מ'האָט זיך שוין אָנגעהויבן שעמען אפילו מיט אזא ליד ווי אַנ־סקיס „אין געזאלצענעם יאם", מיט אזוינע ווערטער ווי „מאָשיעך און יודנטום ביידע געשטאָרבן". די פריצים און קאפיטאליסטן, געשיצט פון דער צארישער נאהייקע, זיינען נאָך געווען שטארק. די מוטיקסטע קעמפער זיינען פארפאָלגט געוואָרן אָן ראכמאָנעס, „פאר פרייהייט, וואָס זיי טוען שטרעבן", זיינען זיי פארשיקט געוואָרן קיין סיביר און „געשמאכט דאָרט אין אייזערנע קייטן". אָבער דער ארבעטער־קעמפער פאלט ניט אראָפּ פונעם מוט, „צו דעם מוטיקן קאמף טוט ער רופן: שוועסטער און ברידער, אהער!"

„אונדזערע אָפּפער וועלן מיר שטיצן
מיט ליבע און פרייהייט און מוט,
און דעם סוינע וועלן מיר באזיגן
ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט".

(דאָרטן, ז. 45)

פארשפרייט איז אין דער רעוואָליוציאָנערער פאָלקלאָר־דיכטונג די טעמע „מוטער און זון". דער זון גייט אין קאמף, און די מוטער וויל אים פארהאלטן, זי שפּילט אָפ זיינע אינטימסטע סטרונעס: „אוי, איך וועל שוין לאנג ניט לעבן, אז איך וועל מיין קינד ניט האָבן", טייַנעט און וויינט די מוטער, אָבער דער זון ענטפערט: „די צייט פון קאמף הער איך גיט קיינעם, איך קען דיר יעצט קיין ראדע ניט געבן".

[1]) זע אויך אָדעסער וואַריאַנטן אין סקוריצקיס זאמלונג ז. 41—42 נר. 28—29.

(דאָרטן, ז. 50). דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלקלאָר־ליד ווייס אויך פון אן אנדער מוטער, וואָס זינגט איר קינד א וויג־ליד און דערציילט אים וועגן פאָטערס העלדישן קאמף און רופט איר קינד צו גיין אין פאָטערס וועגן (דאָרטן, ז. 61).

א באזונדער אָרט פארנעמען אינעם רעוואָליוציאָנערן פאָלקלאָר די העלדן־באלאדעס. די עלטערע יידישע פאָלקלאָר־דיכטונג האָט קיין העלדן־באלאדעס ניט געשאפן. ס׳איז ניט געווען פאר דעם זשאנר קיין מאטעריאל אין דער יידישער סוויווע. ערשט מיטן אופקום פונעם רעוואָליוציאָנערן ארבעטער־קאמף האָבן זיך באוויזן העלדן: הירש לעקערט, באָרעך שולמאן א. אנד. (ווייטער וועגן זיי גענויער).

עס זינגט אויך זיין ליד דער ארעסטירטער ארבעטער־קעמפער, וואָס שמאכט יאָרנלאנג אין דער צארישער טורמע אין יעסורים און פיין און פאלט ניט אראָפ פונעם מוט.

„אונדז שרעקט נישט קיין הונגער,
קיין טורמעס, קיין קעלט,
מיר מוזן באפרייען
דאָס לעבן אפ דער וועלט״. (דאָרטן, ז. 97)

א באליבטע טעמע פונעם ארבעטער־פאָלקלאָר איז די ליבע. דער ליבע־מאָטיוו איז פארשפרייט אויך אין דעם עלטערן פאָלקלאָר, באזונדערס אין דעם פאָלקלאָר, וואָס איז געשאפן געוואָרן דורך די נידעריקע שיכטן. אָבער אינעם ארבעטער־פאָלקלאָר איז דער ליבע־מאָטיוו אויך א שארף־סאָציאַלער מאָטיוו. דאָ פיגורירט דאָס ארבעטער־מיידל, וואָס ווערט פארפירט פון א „בורזשויסקן״ זינדל, וועלכער לאָזט זיך וווילגיין אפן כעזשבן פון די פאבריק־מיידלעך. מיט ברענענדיקן צאָר פרעגט דער אנאָנימער ארבעטער־דיכטער:

„פראָלעטאריער, שוועסטער מיינע,
ווער האָט גערויבט די ערע דיינע?
ווען דו ביסט געגאנגען ארבעטן בעטן,
האָבן זיי דיך געטריטן,
א קאָרבן האָבן זיי פון דיר געמאכט,
ווייל די רייכע מעגן אלעס,
און זיי פרעגן קיינע שאלעס,
ווייל צו זיי געהער דער טאָג און די נאכט״.

(דאָרטן, ז. 110)

וויפל ליבשאפט צו דער באליידיקטער פראָלעטארישער שוועסטער „פון הייזלעך נידעריקע, פון קעלער און פון ראָג״, וויפל טיף־פארשטיקטער, פארבאָרגענער האס, וואָס וועט שפעטער „א זעץ טאָג אין די שלייפן,—נאט אייך—רו און נאט אייך—פרעמדן גליק״... (כאריק).

אזוי האָט דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלקלאָר־ליד באגלייט דעם ארבעטער־קאמף אפ אלע זיינע וועגן און אָנוועגן, אויסגעדריקט אלע זיינע ווייטעקן און פריידן, געפרייט זיך מיט זיינע זיגן, געטרויערט אפ זיינע דורכפאלן, גערופן צו נייע קאמפן און פארייביקט אין הערלעכע געשטאלטן די גרויסע העלדן, וואָס האָבן זייער לעבן מאקריוו געווען פאר דער ארבעטער־זאך.

דער סטיל פונעם רעוואָלוציאָנערן פאָלקלאָר

ס'איז קלאָר, אז דער נײַער קלאַס, וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער פאָלקלאָר־דיכטונג אזויפיל נײַעם אינהאַלט, נײַע שטימונגען, געפילן, געדאַנקען, האָט צוזאַמען מיט דעם געמוזט אויך אַרײַנברענגען אין איר נײַע אויסדרוק־מיטלען, ווי שפּראַך־לעך־סטיליסטישע, אזוי אויך בילדעריש־געשטאַלטלעכע און קאָמפּאָזיציאָנעלע.

קוידעמקאָל איז עס די נײַע לעקסיק און פראזעאָלאָגיע, וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אַרײַנגעפירט אין דער מינדלעכער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע און אין דער קאַמף־ליטעראַטור. ס'איז אינטערעסאַנט אַזאַ פאַקט: אין לעמאַנס זאַמלונג געפינען מיר א פאַרשפּרייט ליד אין פּילצאָליקע וואַריאַנטן מיטן צושפּיל „שישו ושמחו בשמחת תורה, מע האָט שוין פאַר די שטרײַקערס גיט קיין מוירע" (קומט אין־אָנהייב, אינמיטן אָדער צום סאָף, דאָרטן, ז. 73—78), און אין איין וואַריאַנט דער־ציילט איין באַלעבאָס דעם צווייטן מיט פרייד, אז „מע האָט שוין אויסגעהאַרגעט אַלע שטרײַקערס, מע שלעפּט זיי אין די שפּיטעלער, אזוי ווי די פייגערס" (דאָרטן, ז. 75), אין אַן אַנדער וואַריאַנט — אז „מע האָט שוין אויסגעמיימעסט אַלע שטרײַקערס און מע קען שוין פאָרן צום רעבן פרייען זיך מיט דער טוירע—שישו ושמחו בשמחת תורה — מע האָט שוין פאַר קיין שטרײַקערס ניט קיין מוירע" (דאָרטן, ז. 76). מיר האָבן דאָ אַזוי־אַרום א „קאָשערן סטיל־קניפּל": דאָס צעמיימעסן די שטרײַקערס, דעם כסידישן רעבע, די הייליקע טוירע, דער פּאַסעק פונעם סידער. אויב מיר זאָלן אָנעמען, ווי עס לאָזט זיך מעשײַער זײַן, אז אָט די אַלע לידער זײַנען לידער פון אַרבעטער, וואָס איראָניזירן איבער די באַלעבאַטים [1]), בלײַבט נאָר צו באַוווּנדערן דעם סטיל־כוש פונעם אַרבעטער־זינגער, ווי ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר א לאָשן אַרײַנגעבן אין די באַלעבאַטישע מײַלער.

דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלקלאָר־ליד איז אויך פאַרבונדן מיט א ליטע־ראַרישן נוסעך, אָבער פון אַן אַנדער שניט, מיט דעם ליטעראַרישן נוסעך פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער דיכטונג, וואָס איז אויפגעקומען אין די 90־קער יאָרן אין אַמעריקע. די לידער פון די ערשטע רעוואָליוציאָנערע דיכטער ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָוושאָווער זײַנען געזונגען געוואָרן אַף אומלעגאַלע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, אין די וואַרשטאַטן בײַס דער אַר־בעט. פון די דאָזיקע לידער האָבן אַרײַנגעשטראָמט אינעם רעוואָליוציאָנערן פאָלקלאָר ווערטער, אויסדרוקן, צומאָל גאַנצע פערזן, וואָס האָבן זיך באַזונדערס פאַרקריצט אין זיקאָרן און האָבן געהאַט א באַזונדער ווירקונג אַפן אַרבעטער־אוילעם. אזוי איז דער פערז:

„פאָרווערטס, ברידער, אין די רייען,
שנעל, די פאָן איז שוין גרייט,
קומט זיך דרייסטער צו באַפרײַען
אין דעם קאַמף פון לעבן און טויט". (דאָרטן, ז. 45)

צוזאַמענגעשטעלט פון באַליבטע אויסדרוקן פון עדעלשטאַטס א ליד (זע „לידער פון קאַמף און נויט" ז. 102).

[1]) איין וואַריאַנט „קערט טאַקע איבער דעם פעלץ":
„מע האָט שוין אויסגעהאַרגעט אַלע גערער כסידים,
מע האָט זיך שוין גענומען צו די וואַרשעווער נגידים". (דאָרטן, ז. 78)

עדעלשטאטס ווירקונג זעט מען אין פיל לידער. אין דער טורמע־ליד „אדיע, מײַנע ברידער און שוועסטער" (דאָרטן, ז. 83) איז אַרײַנגעפלאָכטן א גאנצער פערז פון עדעלשטאטס בארימט ליד „אָ גוטער פרײַנט, ווען איך וועל שטארבן". דער ארעסטירטער ארבעטער רופט זײַנע כאווירים אפ דער פרײַ זיי זאָלן שטרעבן צו פרײַהײַט און „ארויסטראָגן די רויטע פאָן".

„דעם פאָן מיט זײַנע רויטע פארבן
באשפריצט פון דעם ארבעטערס בלוט.
אז א פרײַנט פון אײַך וועט שטארבן
זאָלט איר גייִן מיט".
(דאָרטן, ז. 83)

דער לייענער וועט זיך גלײַך דערמאנען עדעלשטאטס —

„אָ, גוטער פרײַנט, ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט צו צו מײַן קייווער אונדזער פאָן,
די פרײַע פאָן מיט די רויטע פארבן,
באשפריצט מיט בלוט פונעם ארבעטסמאן".
(„לידער פון עלנט און נויט" ז. 61) [1]

מיר האָבן שוין אויבן דערמאנט די פאָלקלאָרישע איבערארבעטונג פון עדעלשטאטס ליד „דער ארבעטער" (לעמאן ז. 118—120). עדעלשטאטס ליד ציילט 14 סטראָפעס, די פאָלקלאָרישע איבערארבעטונג — בלויז 4 אָדער אפילע 3 סטראָפעס. פארבליבן זײַנען בלויז די בילדערישע סטראָפעס (אָט די טענדענץ האָבן מיר שוין אָפגעמערקט אויך בענגייע די איבערארבעטונגען פון די מאסקיליִשע לידער). אָבער אויך אין די זײַנען דאָ גאנץ כאראקטעריסטישע ענדערונגען. נעמען מיר די ערשטע סטראָפע מיט דעם מאָטיוו „בא דער ארבעט".

בא עדעלשטאטן:

„שנעל לויפן די רעדער, ווילד קלאפן די מא־שינען,
אין שאפ אזוי שמוציק און הייס,
דער קאָפ ווערט פארטונקלט, אין די אויגן ווערט פינצטער,
פינצטער פון טרערן און שווייס".

אין דער פאָלקלאָר־באארבעטונג:

„שנעל דרייען זיך די רעדער, עס קלאפן די מא־שינען,
די פאבריק פון די באניפראטן־גאס [2],
דער קאָפ ווערט פארטומלט, די אויגן ווערן פינ־צטער,
פינצטער פון ארבעט און שווייס".

אין דער איבערארבעטונג האָבן מיר אזוינע ענדערונגען: אָנשטאָט דעם אמעריקאנער שאפ, קומט די מער גאָענטע און קאָנקרעטע „פאבריק אפ דער באניפראטן־גאס", אָנשטאָט עדעלשטאטס „טרערן" — „ארבעט" [3], „לויפן" איז פארביטן אפ „דרייען" (נעענטער צו דער פאָלקסשפראך).

די ווײַטערדיקע צוויי סטראָפעס פון עדעלשטאטס ליד זײַנען אין דער פאָלקלאָר־באארבעטונג דראמאטיזירט געוואָרן, וואָס ס'איז באזונדערס כאראקטעריסטיש.

---

1) די באווירקונג פון אָט דעם פאָפולערן ליד זע אויך אין סקודיצקיס זאמלונג, ז. 69 נומ. 52.

2) אין אנדערע ווער. „אין פאבריק איז שמוציק און הייס", „אין פאבריק איז פינצטער און הייס".

3) אין די איבעריקע צוויי וואריאנטן זײַנען די „טרערן" פארהיט.

בא עדעלשטאטן:

„גענוג אײַך שוין גיסן, איר ביטערע טרערן,
איר מאַכט אפ מײַן ארבעט א פלעק,
און ווען דאָס דערזעט נאָר דער גאזלען דער
מײַסטער [1],
ער טרײַבט מיך פונדאנען אוועק.
ווי זאָל מען דעם מײַסטער ניט מעקאַנע זײַן,
זעט ווי ער איז פעט און ווי רויס,
ער זויפט נאָר זײַן ביר און רויכערט זײַן סיגאר,
וואָס ווייסט ער פון הונגער, פין נויט”.

אין דער פאָלקלאָר־באַארבעטונג:

„— הער אוף, דו ארבעטאָרער, טרערן צו פארגיסן,
דו מאַכסט דאָך אפ דער ארבעט א פלעק.
באלד וועט ארײַנקומען דער מײַסטער, דער מערדער,
טרײַבט ער דיך פון דער ארבעט אוועק.
פארוואָס זאָל איך נישט וויינען, פארוואָס זאָל
איך נישט קלאָגן.
קוקטס אים נאָר אָן, ווי דיק און ווי רויט.
ער זויפט זיך דאָס ביר, ער רייכערט ציגארן,
ער ווייסט נישט פון קיין הונגער און קיין נויט”.

דער שמועס מיט די טרערן בא עדעלשטאטן איז אינעם פאָלקלאָר־טעקסט פארוואנדלט אין א דיאַלאָג צווישן צוויי ארבעטער. עס מאַכט דאָס ליד לעבעדיקער, בילדערישער, ווירקעוודיקער. דער אויסדרוק „מעקאַנע זײַן דעם מײַסטער” איז דעם ארבעטער־זינגער אפאָנעם ניט געווען צום הארצן: עס האָט געהייסן האָבן א באַגער שטעלן זיך מיטן מײַסטער אפ איין ברעט. אָבער ניט דאָס איז געווען די גרונט־אופגאבע פונעם ליד.

אלע איבעריקע סטראָפעס (9), אין וועלכע דער ארבעטער דערציילט אויספירלעך וועגן זײַן לעבן, יוגנט, פרוי און קינדער, זײַנען ארויסגעוואָרפן געוואָרן, ווי איבעריקער באלאסט, וואָס לאָזט זיך ניט פארגעדענקען. פארהיט איז בלויז די לעצטע סטראָפע, וועלכע איז געענדערט געוואָרן אפ פאָלגנדיקן אויפן:

בא עדעלשטאטן:

„דער מײַסטער לויפט ארום, ווי א ווילדע כײַע,
ער טרײַבט צו דער שכיטע די שאָף,
אָ, ווי לאנג וועט איר ווארטן, ווי לאנג וועט איר
דולדן ?
ארבעטער־ברידער, וואַכט אוף”.

אין דער פאָלקלאָר־באַארבעטונג:

„דאָ קומט ארײַן דער מײַסטער, אזויווי א ווילדע
כײַע,
און יאָגט צו דער שכיטע די שאָף,
ווי לאנג וועט איר דערוויײַטערן, איר ארבעטער,
אײַערע ברידער,
שטייט אופ און מאַכט פון דעם מײַסטער א סאָף”.

דער מײַסטער־מאָטיוו איז אין דער באַארבעטונג קאָנקרעטער און דראמאטישער. די לעצטע צוויי שורעס זײַנען אינגאנצן טראנספאָרמירט געוואָרן. בא עדעלשטאטן רעדט זיך בלויז וועגן ווארטן און דולדן, אין דער באַארבעטונג — וועגן קלאסן־אַכדעס („ווי לאנג וועט איר דערוויײַטערן, איר ארבעטער, אײַערע ברידער” [2]). דער אבסטראקטער לאָזונג „ארבעטער־ברידער, וואַכט אופ” איז פארביטן אפ א מער קאָנקרעטן „שטייט אופ און מאַכט פונעם מײַסטער א סאָף”. ווי בולעט מיר זעען דאָ די אידעאָלאָגישע קינסטלערישע טענדענץ פונעם רעוואָלוציאָנערן פאָלקלאָר־ליד ! [3].

---

[1] אין דער אמעריקאנער אויסגאבע : „פאָרמאַן”.

[2] מעגלעך, אז עס איז א ווענדונג פונעם ארבעטער־אגיטאטער וועגן דער באציִונג צו די אגיטאטערס.

[3] נײַע וואריאַנטן פון עדעלשטאטס ליד זע אין סקודיצקיס זאמלונג זײַטלעך 30—31 נומ. 16—17. זע אויך אין זײַן ארטיקל אין „פראָבלעמעס פון פאָלקלאָריסטיק” וועגן דער באווירקטקייט פון די דאָזיקע פאָלקלאָר־לידער פון א רוסישן פאָלקיסטישן ליד אפ דער זעלביקער טעמע (ז. 187—189).

בא א גענויער אונטערזוכונג וועט מענ מיסטאמע אופדעקנ אינ רעוואָליוציאָנערנ פאָלקלאָר פיל באארבעטונגענ פונ ווינטשעווסקיס, באָװשאָװערס, רייזענס, ראָזנפעלדס לידער[1]. בא לעמאנענ האָבנ מיר אויכ א פאָלקלאָרישע איבערארבעטונג פונ שאָלעמ-אלייכעמס סאטירישנ אנטיצאריסטישנ וויג-ליד „שלאָפ, אלעקסע". ליידער האָבנ מיר ניט אונטער דער האנט דעמ אָריגינאל פונ שאָלעמ-אלייכעמס ליד, וועלכע איז געווענ געדרוקט אינ 1905 אינ די אומלעגאלע אויסגאבעס. ס'איז אָנ סאָפעק, אז די באארבעטונג איז געמאכט געוואָרנ גראָד פונעמ אָריגינאל. אינ „שאָלעמ-אלייכעמ-בוכ" איז איבערגעדרוקט דאָס וויג-ליד שוינ אינ אנ אויסגעבעסערטער פאָרמ, וואָס שאָלעמ-אלייכעמ האָט געמאכט 1908 אינ זשענעווע (זע „שאָלעמ-אלייכעמ-בוכ" ז. 61).

דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלקלאָר-ליד איז לעקסיש-פראזעאָלאָגיש ענג פארבונדנ מיטנ „רעוואָליוציאָנערנ" ליטערארישנ ליד. די רעוואָליוציאָנערע ראָמאנטישע אונ סענטימענטאלע אויסדרוקנ ווי „דער הייליקער גייסט" (לעמאנ 87), דער ארבעטער-גייסט (45), די פינצטערע נאכט (97), די פינצטערע געצעלט (43, 44), די רויטהייליקע פאָנ (43), די שטראלנ פונ פרייהייט (43), געפאלנ אינ קאמפ, ווי א העלד (68), די סענטימענטאלע געשטאלט פונעמ ארבעטער, וואָס שטארבט פונ א ברוסט-פעלער (111), די נייע ווערטער: קאמעראדנ (46), ווארהייט (86), ארבעטסמאנ (117), איבעראל (117), פארפאָלגט (117), זיג, פאָרווערטס (45), רעליגיאָנ א. אנד., די פארשפרייטע גראמענ „גאסנ—מאסנ" (12, 30)—דאָס זיינענ אלצ פעדימ, וואָס פארייניקנ דעמ רעוואָליוציאָנערנ פאָלקלאָר מיט דער רעוואָליוציאָנערער דיכטונג פונ די 90-קער יאָרנ, באזונדערס מיט ווינטשעווסקינ אונ עדעלשטאטנ, אונ צוזאמענ מיט זיי ציענ זיי זייער יעניקע פונ איינ אונ די זעלביקע וואָרצלענ,—פונ די ארבעטנדיקע מאסנ, וואָס זיינענ אופגעשטאנענ צומ קאמפ. ס'איז אויכ אָנ סאָפעק, אז דורכנ רעוואָליוציאָנערנ פאָלקלאָר זיינענ געגאנגענ די ווירקונג-קאנאלנ פונ ווינטשעווסקינ, באָװשאָװערנ אונ עדעלשטאטנ אויכ אפ דער נאָכאָקטיאבערישער רעוואָליוציאָנערער דיכטונג.

אינעמ ליד „די פינצטערע אויגנ" (לעמאנ 28) האָבנ מיר א בוילעטע ווירקונג, קימאט א באארבעטונג פונ היינעס בארימטנ ליד „די וועבער". די יידישע איבער-

[1]) אָט איז א כאראקטעריסטישע איבערארבעטונג פונ ווינטשעווסקיס א פערז.

בא ווינטשעווסקינ:

„איכ קומ מעלדנ—יענע העלדנ,
וועלכע שמאכטנ אינ די קעלטנ
פונ סיביר אצונד,
אז צעטראָגנ וועט אָסטראָגנ
באלד מיינ שטורעמ — באלד וועט
שלאָגנ
די באפרייונג-שטונד".
(„דער פרייהייט-גייסט")

בא לעמאנענ:

„מיר וועלנ מיר צעטראָגנ
די טורעמס, וואָס טאָגנ (?) [קלאָר—אָסטראָגנ.
פרעגצייכנ לעמאנס]
מיר מאכנ מיר אלעמענ פריי.
די, וואָס זיינענ פארשיקט נאָכ סיביר,
פארשמאכט אָנ א שיר,
מיר וועלנ מיר אופלעבנ א לעבנ אפ דאָס ניי".
(דאָרטנ, ז. 88)

בא ווינטשעווסקינ איז די דאָזיקע סטראָפע איינגאנצנ אינ אנ אנדער פארבינדונג, ווי בא לעמאנענ. דאָ האָבנ מיר בוילעט דעמ שאפונג-פראָצעס באמ ארבעטער-פאָלקלאָר-זינגער. די טורמע-טעמע פונ זיינ ליד האָט ארויסגערופנ אינ זיקאָרנ א נאָענטע סטראָפע פונ ווינטשעווסקיס א ליד. די ווירקונג פונ ווינטשעווסקיס א ליד האָט פארצייכנט אויכ סקודיצקי (זע זיינ זאמלונג, ז. 84 נומ. 70).

זעצונג פונעם ליד איז געדרוקט אין „מוט" (מאָסקווע 1920). פונוואַנען די צונויפ־שטעלער האָבן זי איבערגעדרוקט איז אונדז אומבאַקאַנט, אָבער ס'איז אויסער יעדער סאָפעק, אַז די פאָלקלאָר־באַארבעטונג האָט בעפּיירעש א שייַכעס צו אָט דער איבער־זעצונג. אָט זייַנען ביידע לידער:

באַהיינע (די איבערזעצונג):

„1. די פינצטערע אויגן, זיי טרערן ישויב ניט,
זיי זיצן באַם וועבשטול און זינגען א ליד:
„דייַטשלאַנד, מיר וועבן טאַכריכים פאַר דיר,
א דרייַפאַכע קלאָלע אין זיי וועבן מיר —
מיר וועבן! מיר וועבן!

3. א קלאָג צו דעם קייסער דעם האַרן
פון גווירן,
וואָס אים וויל דעם ארבעטערס צאַר גאָרניט רירן,
וואָס רייַסט פון אונדז קריִע, די הויט פון אונדז
שינדט
און לאָזט אונדז דערשיסן, דערשיסן, ווי הינט!
מיר וועבן! מיר וועבן!

4. א קלאָג צו דעם פאַלשן צוואַקישן לאַנד,
אין וועלכן עס בליִען ביזויען און שאַנד,
וואָס האָדעוועט ווערים אין פוילקייַט און מיסט,
און ווו יעדער בלום איז פאַרוועלקט און פאַר-
וויסט —
מיר וועבן! מיר וועבן!"

(„מוט" ז 77.)

די פאָלקלאָר־באַארבעטונג:

„די פינצטערע אויגן, זיי טריקענע שויב ניט,
זיצנדיק באַם וועבשטול זינגען מיר א ליד:
„רוסלאַנד, מיר וועבן טאַכריכים פאַר דיר,
א דרייַפאַכע קלאָלע—זייַד וועבן מיר.
מיר וועבן, מיר וועבן טאַכריכים פאַר דיר יעצט,
א דרייַפאַכע כאָליערע צוזאַמענגעזעצט.

א קלאָג איז צו דעם קייסער דעם האַר פון די
גווירים,
וואָס דעם ארבעטערס צייַט טוט אים גאָרניט
באַרירן,
ער רייַסט פון אונדז קריִע, די הויט פון אונדז
שינדט,
ער לאָזט אונדז דערשיסן, דערשיסן ווי הינט,
רוסלאַנד, מיר וועבן א.אז.וו.

א קלאָג איז צו דעם אַלטן צוואַקישן לאַנד,
וואָס גוסטירט נאָר זנוס און שאַנד.
רוסלאַנד, מיר וועבן" א.אז.וו.

(לעמאַן ז. 28)

ענדערונגען זייַנען אין דער באַארבעטונג אַרייַנגעטראָגן אַזוינע: אָנשטאָט „טרערן שויב ניט" — „טריקענע שויב ניט" (פאַרשטענדלעכ פאַרוואָס), אָנשטאָט דייַטשלאַנד — רוסלאַנד, אָנשטאָט „אין זיי" — „זייַד" (שענער און טרעפלעכער), אָנ־שטאָט „צאַר" — „צייַט" (ס'איז צו באַמערקן, אַז דאָס פאַרבייַטנדיקע וואָרט איז ענלעכ פאָנעטיש אפּן פאַרביטענעם. דאָ קענען מיר זען איינעם פון די וועגן, אף וועלכע עס קומט פאָר די ענדערונג אין א פאָלקלאָר ליד: א פאָנעטישע אַסאָציאַציע רופט אַרויס א מער פּאַסיק וואָרט). דאָס ליד פון די וועבער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א רעפרען מיט א געזונט־האַמויִנישן צוגאָב „א דרייַפאַכע כאָליערע צוזאַמענגעזעצט", פון וועלכן עס שפּראָצט אַזויפיל אומיטלבאַרער צאָרן. די צווייטע סטראָפע, אין וועלכער עס ווערט פאַרשאָלטן די רעליגיע, פעלט אינגאַנצן. פאַרוואָס — איז שווער צו זאָגן. האָט דאָכ דער ארבעטער־זינגער ניט געשעמט זיכ מעכאַלעל־האַשעם זייַן אינעם ליד „דער ראָוו מיטן פּאָפּ". די דריטע סטראָפע האָט זיכ פאַר־היט קימאַט אינגאַנצן. פון דער פערטער סטראָפע האָבן זיכ פאַרהיט בלויז צוויי שורעס מיט קליינע שפּראַכלעכע ענדערונגען („עס בליִען" זייַנען פאַרביטן געוואָרן מיטן פאָלקסטימלעכן „גוסטירט"). די פינפטע סטראָפע, ווו ס'גיט זיכ איבער דער פּראָצעס פון דער ארבעט („ס'פליט אום דאָס שיפל, דער טיש טאַראַראַכט"), איז אויכ אינגאַנצן אַרויסגעפאַלן. מעגלעכ, אַז לעמאַן האָט זיכ צופעליק אָנגעשטויסן

אפ א מענטשן, וואָס האָט ניט געדענקט מער, און מע דארפ אָפּזוכן נײַע װאַריאַנטן פונעם ליד.

איינ אנדערע לידער איז צו מערקן אויכ די ווירקונג פונעם רוסישן רעוואָליוציאָנערן פאָלקלאָר־ליד. אפ איינ אזא ליד וויַיזט אָנ לעמאַנ: דאָס איז דאָס פּאָפּולערע ליד „שוועסטער און ברידער, לאָמיר זיכ ניט אירצן, לאָמיר מיקאָלײַעלען די יאָרן דערקירצן". די אופגאבע פונעם ליד איז געווען: „כויזעקן איבערן קייסער". דאָס רוסישע לידל האָט געזונגען:

„צאר סידיט נא קאנאפי,
קאק סוויניא נא טשעטירי לאפי".

און די יידישע איבערארבעטונג האָט „מעכאלעל־האקייסער" געווען אפ איר אויפן:

„ווי לאנג ר'האָט געפירט
א וועגעלע זאמד,
היַינט איז ער געוואָרן
א כאזער אינ לאנד".
(לעמאנ ז. 197)

סיַי דאָס רוסישע לידל, סיַי דאָס יידישע פארענדיקן זיכ מיטן צושפיל: „היי, היי דאָלוי פּאָליציי, דאָלוי סאמאָדערזשעצ ווי' ראָססיי!"

דאָס טורמע־ליד „מיר ווערן געפּײַניקט, געמוטשעט מיט נויט" (לעמאנ ז. 97) איז אָנ סאָפעק באווירקט פונעם פּאָפּולערן רוסישן רעוואָליוציאָנערן ליד „Замучен тяжелой неволей", וועלכע לעניג האָט שטארק ליב געהאט צו זינגען [1].

דער יידישיסטישער פײַנשמעקער דרייט אפ דעם אלצ מיט דער נאָז. בא דער באגעגעניש מיטן רעוואָליוציאָנערן פאָלקלאָר האָבן אונדזערע היימישע קאסרילעווקער פאָלקלאָריסטן ארויסגעוויזן זייער עמעסע קלאסנ־נאטור. באזונדערס האָט זיכ געפלײַסט י. ל. קאהאנ אינ זײַנ רעצענזיע אפ לעמאנס זאמלונג „ארבעט און פרייַהייט". וויפל פאראכטונג צום רעוואָליוציאָנערן שאפן שפּארט פונ יעדער שורע. י. ל. קאהאנ איז נעבעכ אינ א גרויס פארלעגנהייט: „זאָל מענ זיי אָנרופן „פּאָלקס־לידער"? איז עפּעס צו האמעטנע שוינ צוליב זייער שארפן רעוואָליוציאָנערן טאָנ" („לאנדוי־בוכ" ז. 141). „ווי קענ מענ זיי אָנרופן פאָלקס־לידער, — פרעגט קאהאנ, — אז זיי זיינענ ניט מער, ווי צעזונגענע סאָציאלע לידער... וואָס זײַנענ ניט אינ פאָלק אנטשטאנען (א שרעק, א שרעק! — א.ר.), נאָר פּאָשעט ארײַנגעבראכט געוואָרן פונ דרויסן דורכ פארמיטלונג פונ ליטעראטור, דורכ ארבעטער־אגיטאטערס און אומבאקאנטע לידער־מאכער" (דארטנ, ז. 142). באזונדערס איז קאהאנ אופגעבראכט אפ די איבערארבעטונגען. סארא פארשוועכונג פונעם פאָלקס־ליד! „די באארבעטונג איז א געזוכטע, א באוווּסטזיניקע לעשעם אגיטאציע; מע וויל אינעם אלטנ לידער־רעפּערטואר, מיט וועלכע מע קענ זיכ ניט צעשיידן, ארײַנארבעטן די נײַע אידייע פונ קלאסנקאמפ... בײַט מענ איבער א וואָרט דאָ און אָנ אויסדרוק דאָרטן, א פּערזונדאנען, א סטראָפע פונ דאָרטן, און עס ווערט א שפּאָגל־נײַע רעוואָליוציאָנערע

[1] די ווירקונג פונ דעם רוסישן און אויכ פּוילישן רעוואָליוציאָנערן ליד אפ דעם יידישן פּאָדערט, פארשטייט זיכ, א ספּעציעלע אויספאָרשונג.

ארבעטער־ליד" (דאָרטן, ז. 147—148). און ווייסט איר, וואָס קאהאנען איז געפעלן? „די לידער פון די יידישע אַ־בעטער־מיידלעך פון אמאָליקע יאָרן, ווען מע האָט נאָך ניט געוווסט פון שטרייק, קאמפ, רעוואָליוציע" (דאָרטן, ז. 150).

יאָ, הער קאהאן, די רעוואָליוציאָנערע פאָלקלאָר־לידער זיינען טאקע ניט קיין פאָלקס־לידער, ווייל די, וואָס איר רופט זיי אָן מיט אָט דעם קאָשערן נאָמען, זיינען אויך ניט קיין „פאָלקס־לידער" — אזוינע זיינען אפ דער וועלט ניטאָ! ס'זיינען פאראן פאָלקלאָר־לידער פון פארשיידענע סאָציאַלע שיכטן. דער רעוואָליוציאָנערער פאָלקלאָר האָט זיך באנוצט אויך מיט איבערארבעטונגען — און וויפל „איבערמאכונגען" האָט איר אליין פארצייכנט (און אויך לא:דוי) אין אייער קאָשערן, עמעסן „פאָלקסשאפן"?[1]).

דעם יידישיסטישן פיינשמעקער איז בעסער געפעלן די ווירקונג פון סידער און מאכזער, פונעם דייטשישן בירגערלעכן פאָלקלאָר... וואָס זאָל מען טאָן! אונדז איז, פארשטייט זיך, בעסער געפעלן די ווירקונג פון דער רעוואָליוציאָנערער דיכטונג. געשמאק איז, אפאָנעם, אויך א סאָציאַלע דערשיינונג, אן אנטפלעקונג פון קלאסנפסיכאָ־אידעאָלאָגיע!

דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלקלאָר־ליד באארבעט, פארשטענדלעך, פאר זיין געברויך אויך אלטע פאָלקלאָר־פאָרמען. אין דער ארבעטער־סוויווע, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט פון קליינבירגערלעכע האָרעפאשנע מאסן, האָבן נאָך געלעבט די אלטע פאָלקלאָר־לידער און פאָלקלאָר־באלאדעס, און ס'איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס פונעם ליד וועגן שוימער (ג. און מ. נומ. 329) איז די שורע „איך נעבעך אָרעמער שוימער" אריין אינעם ארבעט־ליד אינעם געשטאלט פון „איך נעבעך אָרעמער ארבעטסמאן" (לעמאן ז. 117). אזוינע איבערוואנדערונגען פון שורעס און אפילע גאנצע פערזן קען מען געפינען פיל.

א טורמע־ליד הייבט זיך אָן מיטן נוסעך פונעם אלטן פאָלקלאָר־ליד „קליפ-קלאפ אין אייזן־טיר, קלוטשניק לעבן, עפן מיר" (לעמאן ז. 48. בא ג. און מ. נומ. 136: „קליפ־קלאפ אין גאָלדן טיר, מיינע ליבע, עפן מיר"). דאָס זעלביקע זעען מיר אין די וויג־לידער (לעמאן 60, 103. 105), אין די ליבע־לידער (לעמאן 108, פארגל. מיט ג. און מ. 201). אויך די פאָרמ פון איבערגעבן א געשעעניש — „צי האָט איר געהערט, וואָס האָט זיך פארלאָפן" איז אן אלטע (לעמאן ז. 167, פארגל. מיט ז. 32). אלא־פאָלקלאָריש איז אויך דאָס באנוצן זיך מיט ספעציעלע גראמ־שורעס אָן געדאנקלעכער פארבינדונג („ברידער און שוועסטער, לאָמיר עסן ארבעס, לאָמיר צעשיסן די רוסישע קאזארמעס". לעמאן ז. 24), די סענטימענטאלע פארגלייכן („אזויווי מע פארנעמט, אוי, א פייגעלע אין א שטייגעלע, אזוי האָט מען אונדזערן א ברודער פארנומען"). ס'זיינען פארשפרייט אויך די פארן פאָלקלאָר ביכלאל אייגנשאפטלעכע פאראלעליזמען, איבערכאזערונגען, געשפרעכן א. אז. וו.

די באלאדעס וועגן לעקערטן און שולמאנען זיינען פארפאסט אינעם זעלביקן נוסעך ווי די רעקרוטן־באלאדעס. די סטראָפעס הייבן זיך אָן ס'ראָוו מיט „ווי" („אזויווי מע האָט הערשקען אין קאָרידאָר אריינגעפירט, איז ער געפאלן צו דער ערד". „ווי

[1]) זע „פינקעס", פערטליאָריקער זשורנאל פאר ליטעראטור־געשיכטע, שפראך־פאָרשונג, פאָלקלאָר און ביבליאָגראפיע, ניו־יאָרק 1927, העפט 1 — 2, ארטיקל פון י. ל. קאהאן „יידישע פאָלקס־לידער".

באָרעכ שולמאנ איז אינ גאס געגאנגענ, באגעגנט האָט ער דעם טיראנ" — לעמאנ ז. 44, 57 — פארגלײַכ מיט גינזבורג אונ מארעק נומ. 44. „ווי ער איז אינ גרוב אראָפּגעקראָכנ, איז אימ א שקרוכ איבערנ לײַב אריבערגעלאָפנ"). די קאָמפּאָזיציע גייט איבער פונ דערציילנ צו דיאַלאָג. די באלאדע וועגנ דער בעקערײַ הייבט זיכ אָנ מיטנ אלטנ פאָלקלאָר־נוסעכ: „אינ דרויסנ גייט א דראָבנינקער רעגנ, אוי, די וואָלקנס זיי האָבנ זיכ פארשפּרייט" (לעמאנ ז. 126 פארגל. מיט ג. אונ מ. נומ. 143) (207.

אָפּט איז דאָס געבויכנ די אלטע פאָלקלאָר־פאָרמע געווענ א רעזולטאט פונ פסיכאָ־אידעאָלאָגישער אָפּגעשטאנענקײַט. א כאראקטעריסטישער בײַשפּיל איז דאָס ליד „שלעכטע יאָרנ", „ביטערע צײַטנ" (לעמ. ז. 122), וועלכע איז איבערגעארבעט פונעמ ליד וועגנ די ארויסגעטריבענע ישוווניקעס (ג. אונ מ. נומ. 309). אָנשטאָט „פונ די דערפער האָט מענ אונדז ארויסגעטריבנ", קומט אינ דער איבעראַרבעטונג: „מע טרײַבט אונדז ארבעטאָרער פונ די פאבריקנ" א. אז. וו. די דערשלאָגענע שטימונג, וואָס הערשט אויכ אינ דער איבעראַרבעטונג, באווײַזט, אז דער אווטער אידער איז לויט זײַנ פסיכאָ־אידעאָלאָגיע ניט ווײַט געווענ פונ יענע דערשלאָגענע קליינבירגער. אזא איז אויכ דאָס ליד „ווער סטראדײַעט נאָכ אזויפיל אפ דער וועלט" (לעמאנ ז. 117). פארקערט, די עכט רעוואָליוציאָנערע אווטערס פונ די באלאדעס וועגנ לעקערטנ, שולמאנענ, וועגנ מײַסטער א. א. האָבנ אינ דער עלטערער פאָלקלאָר־פאָרמע ארײַנגעגאָסנ נײַעמ רעוואָליוציאָנערנ אינהאלט, פּאָשעט אונ פּראָסט געלייזט די פּראָבלעמ פונ יערושע. ס'ווענדט זיכ אלזאָ אינ דעמ, וועער ס'האָט איבערגענומענ אונ וואָס אונ וויאזוי מע האָט איבערגענומענ [1].

ס'איז בעפיירעש אנ אויסטראכטעניש י. ל. קאהאנס „טעאָריע" וועגנ דעמ, אז דער רעוואָליוציאָנערער פאָלקלאָר האָט ניט קיינ אייגנארטיקנ ווערט. דער רעוואָליוציאָנערער פאָלקלאָר איז אידייִש אונ פאָרמעל רײַכער, ווי ווענ עס איז אנ אנדערער פעריאָד אינ דער אנטוויקלונג פונ דער פאָלקלאָר־דיכטונג, רײַכער אפילע פונ דער ליטעראטור־דיכטונג אינעמ זעלביקנ פעריאָד. מיט אזוינע באלאדעס, ווי „הירש לעקערט", „באָרעכ שולמאנ", „אינ בעקערײַ", „די מײַסטער־באלאדע" קענ זיכ אונדזער ליטעראטור פונ ערעוו 5־טנ יאָר קלאל ניט בארימענ (די ארבעטנדיקע מאסנ זײַנענ געווענ רעוואָליוציאָנערער פונ דער קליינבירגערלעכ־ראדיקאלער אינטעליגענצ, וועלכע האָט זיכ אינ יענער צײַט גענומענ קוויקנ מיטנ נאציאָנאלנ דיכטער פונ דער יידישער בורזשואזיע, מיט ביאליקנ). אונ דאָס איז בלויז פונ איינ קלייניקער זאמלונג [2].

ווי וווּנדערלעכ פרימיטיוו־קינסטלעריש עס איז געבויט די „מײַסטער־באלאדע"! (לעמאנ נומ. 17). זי הייבט זיכ אָנ מיט אנ ארײַנפיר, וואָס גיט בוילעט די עקספּאָזיציע, די שטימונג בא די ארבעטער פאר די געשעענישנ, זייער דראנג נויקעמ זײַנ זיכ אָנעמ גאזולענ מײַסטער.

---

[1]) אינ די לידער וועגנ טורמע שטויסנ מיר זיכ אָנ אפילע אפ די ווירקונגענ פונ די גאנאָווימ־לידער. פארגל. לעמאנ „ארבעט אינ פרײַהײַט" ז. 182,80 מיט לעמאנ „גאנאָווימ־לידער" ז. 21 א. אנד.

[2]) הויכ־קינסטלערישע מוסטערנ פונ ארבעטער־פאָלקלאָר זע אויכ אינ סקודיצקיס זאמלונג נומ. 12, 15, 24, 30, 40 א. אנד.

„אוי, שאבעס באטאָג [1])
האָבן מיר זיך אַלע אָנגערעדט,
אַז זונטיק אינדערפרי
זאָל שוין נעמען אַן עק.
אוי, ביזוואַנעס וועלן מיר
פון דעם מערדער ליידן,
אַצינד איז געקומען די צייט
מיר זאָלן אים ניט שווייגן".

דער צווייטער טייל שילדערט אַ סצענקע צווישן אַן אַרבעטער און דעם באַלע־באָס. דער אַרבעטער אַדלער קומט צו דער אַרבעט, אָבער דער באַלעבאָס לאָזט אים ניט אַרייַן אין פאַבריק, ווײַל ער האָט אָרגאַניזירט אַ שטרייַק.

„— אוי, מוסיו וואַרכאַווסקי,
וואָס פאַרצאַפּט איר מיר מײַן בלוט?
אַלע מענטשן לאָזט איר אַרבעטן
און מיך לאָזט איר ניט.
— פאַרוואָס זאָל איך דיך לאָזן אַרבעטן,
אַז דו האָסטו מיר דעם שטרייַק געמאַכט,
אַז דורך דיר איז מיר אויסגעקומען
צו האַלטן די פאַבריק פאַרמאַכט".

אָבער דער באַלעבאָס גייט אָפּ אַ כיטרע געגנגל. ער מאַכט אַ גרויסמוטיקן זשעסט:

„— גיי שוין אַרוף אַרבעטן
און מאַך ניט אָן קיין געדרודער,
גיב איבער דייַנע גוטע ברידער
און לאָז שוין זייַן שטילער".

ער מיינט, אַז מיט דעם זשעסט וועט ער אָפּקויפן אַדלערן. ער האָט זיך אָבער טויע געוועז.

דער דריטער טייל שילדערט אַ בילד אין פאַבריק בײַ אַדלערס אַרופקומען. דער מייַסטער האָט אים דערזען, איז ער געוואָרן גאַנץ אומרויִק, דערפילט, אַז „עפּעס וועט דאָ זייַן", און ער הייבט אָן מיט גוטן:

„— זעצט זיך, קינדער, אַרבעטן
און פאַרצאַפּט מיר ניט מייַן בלוט,
איך וועל שוין זייַן צו אייַך אַ גוטער מייַסטער,
איך וועל שוין זייַן צו אייַך גוט".

„קינדער!" ווענדעט זיך צו די אַרבעטער דער מייַסטער... ווי שאַרפזיניק־קינסטלע־ריש עס איז! ווייַטער מאַכט ער אַ פּאָנעם פון אַ נעבעכל: מע פאַרצאַפּט אים זייַן בלוט... און ער זאָגט שוין צו צו זייַן גוט און פרום. אָבער די אַרבעטער קענען שוין זייַן וועלפּישן פאַרצעפּ, וואָס באַהאַלט זיך איצט אין אַ מינוט פון שוואַכקייט אונטער אַ שעפּסן פעלכל. זיי ענטפערן אים:

„— ווער דו ביסט און וואָס דו ביסט
קענען מיר דיך אַלע".

---

[1]) דער „אוי" איז אַ קאַנאָן אין דער פאָלקלאָר־שאַפונג.

און זיי דערציילן אים א מייַסע:

„אוי, דו ביסט דאָך געווען קליגער פון אונדז,
דו האָסט זיך באטראכט,
דו ביסט אוועקגעפאָרן קיין פעאָדאָסיע
און דו האָסט דאָך מענטשן געבראכט.
אזוי וועלן מיר דיך באקלערן,
אז דו זאָלסט אינערגעץ ניט טויגן,
אווי האָבן זיי אים געגעבן
מיט דעם פלעשעלע אין די אויגן".

די דראמאטישע אָנשטרענגונג דערגרייכט איר קולמינאציע-פונקט. די סטראָפע ווערט אָפגעהאקטער, קירצער:

„אזוי איז ער געפאלן
פייַל פון בויגן.
— ראטעוועט מיך, מענטשן,
איך האָב שוין ניט קיין אויגן.
ראטעוועט מיך, מענטשן,
איך וויל ניט זייַן קיין בלינדער,
ראטעוועט מיך, מענטשן,
איך בין א טאטע פון קינדער".

דער מייַסטער שפילט אף די טאטעשע סטרונעס פון די ארבעטער, אָבער אומזיסט, צו גרויס איז די סינע.

„אזוי האָבן זיך אָנגערופן
אלע מיטאמאָל:
— אָדעס איז א גרויסע שטאָט,
ס'איז דאָ א שפיטאָל".

און די באלאדע ענדיקט זיך מערקווירדיק לאקאָניש:

„אזוי זייַנען אלע אראָפגעלאָפן
אָן א זוואָנאָק,
כיליקן אין שפיטאָל
און אדלערן אין אָסטראָג".

מיר האָבן זיך בעקיוון אָפגעשטעלט לענגער אף דער דאָזיקער ווונדערלעכער באלאדע—זי איז אן אויסטערלישע אנטפלעקונג פון דער שעפערישקייַט פונעם רעוואָליוציאָנערן פאָלקלאָר, פון זייַן סטיל. האָבן מיר עפעס ענלעכס אין דער קלייַנבירגערלעכער דיכטונג פון יענער טקופע, אין עלטערן יידישן פאָלקלאָר? די גאנצע אויסגעשטאלטונג פון דער באלאדע איז א פראָדוקט פון א נייַער קלאסעווער פסיכאָלאָגיע. זי איז אָגעזעטיקט מיט דראמאטיזם פון קלאסנקאמף, פון סאָציאלע צוזאמענשטויסן [1]. און אזוי אויך „הירש לעקערט" און „באָרעך שולמאן".

[1]) בא לעמאנען איז פאראן א צווייטער ווארִיאנט פון אָט דער באלאדע, פארפאסט, אפאָנעם, פון א זייַטיקן מענטשן, מעגלעך פון א בלינדן זינגער. דאָ איז ניטאָ דער ארייַנפיר. זי הייבט זיך אָן מיטן טראפערעטן „קוים ווילט איר וויסן, וואָס האָט זיך פארלאָפן", און ווייַטער דערציילט דער זינגער „עס האָבן זיך צעבושעוועט די שוועסטערלעך און ברידער". אן אנדער סטיל!

דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלקלאָר־ליד איז עפּיש־געשטאַלטלעך רייַכער פונעם עלטערן פאָלקלאָר, וועלכער איז ס׳ראָוו ליריש. די רייַכע פּאַסירונגען האָבן געגעבן גענוג שטאָף פאַר עפּיק. דאָס געשטאַלט פונעם העלדישן אַרבעטער־קעמפער מיט זייַן מוטיקייַט, דרייסטקייַט, שרעקלאָזיקייַט, וועלכער איז גרייט לייַדן, נאָר ניט פאַראַטן. „קיין סיביר וועל איך גיין, געטריי וועל איך בלייַבן מייַנע שוועסטער און ברידער" (לעמ. 87—88). דאָס געשטאַלט פונעם אַרעסטירטן קעמפער, וואָס בענקט אין טורמע נאָכן ערשטן מיי (לעמ. 93), פונעם קראַנקן אַרבעטער־פאָטער, וואָס איז פיזיש צעבראָכן פון שווערער עקספּלואַטאַציע, אָבער גייַסטיק מונטער און שטאַרק. ער רופט צו פאַרן טויט זייַן קינד און זאָגט אים אָן צו נעמען נעקאָמע פאַר זייַן פריצייַטיקן טויט (דאָרטן, ז. 114). דאָס זעלבע דאָס געשטאַלט פון דער מוטער, וואָס זינגט א ליד פון סאָציאַלער נעקאָמע איר קינד אין וויג (דאָרטן, ז. 61). איבער אָט די אַלע געשטאַלטן דערהויבט זיך ווי א סימבאָל דאָס געשטאַלט פונעם פּראָסטן שוסטער הירש לעקערט, וואָס אין די באַלאַדעס וועגן אים האָט דער אַרבעטער־זינגער פאַרקערפּערט זייַן שליימעסדיקן אידעאַל פון אַן אַרבעטער־קעמפער.

באַזונדערס פיל וואַריאַנטן זייַנען פאַראַן פון דער באַלאַדע וועגן הירש לעקערטן. דער ווילנער פּראָסטער שוסטער, וואָס האָט זיך אין צווייטן יאָר אַזוי העלדיש אָפּגערעכנט פאַר די געשמיסענע אַרבעטער, האָט אַרויסגערופן בא די אַרבעטער־מאַסן מיטגעפיל און פאַרערונג. יעדער איבערזינגער פון דער באַלאַדע האָט זיך געסטאַרעט שילדערן די גרויסע געשעעניש, דעם מוטיקן העלדנטאַט וואָס לעבעדיקער, קאָנקרעטער, מיט מער פּראָטים.

איין וואַריאַנט דערציילט:

„דער זייגער האָט שוין צוועלף געשלאָגן,
דער פּובליק איז שוין געגאַנגען אַהיים ווייַט,
ווי דער גובערנאַטער איז פון ריאַד אַרויסגעגאַנגען,
אַזוי האָט ער אים געשאָסן אין א זייַט".

(דאָרטן, ז. 52)

אַן איבערזינגער איז, אָפּנים, ניט צופרידן געבליבן מיט דער סכעמאַטישקייַט פון דער סטראָפע, און זי האָט זיך בא אים צעוואַקסן אויף גאַנצע דריי סטראָפעס:

„דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוועלף,
דאָס פּובליק האָט גענומען גיין אַהיים,
אַזוי האָט זיך הערשקע פון זייַן אָרט אויפגעהויבן,
באַם גובערנאַטערס לאָזשע איז ער געבליבן שטיין.

באַם גובערנאַטערס לאָזשע איז ער געבליבן שטיין,
אַזוי האָט ער פאַרקריצט מיט די ציין:
— „אוי, ווי דערלעבט מען שוין די מינוט,
דער גובערנאַטער זאָל פון צירק אַרויסגיין".

ווי דער גובערנאַטער איז פון צירק אַרויסגעגאַנגען,
מיט איין אויג האָט ער געוואָרפן גאַנץ ווייַט,
אַזוי האָט הערשקע דעם רעוואָלווער פון זייַן טאַש אַרויסגענומען
און געשאָסן דעם גובערנאַטער אין א זייַט".

(דאָרטן, ז. 54. אויך וואַר. ז. 57)

דאָס זעלביקע האָבנ מיר אויכ בענעגייע אנדערע מאָמענטנ פונ דער לעקערט־דראמע. דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלקלאָר־ליד שטרעבט אלצ בוילעטער צו מאכנ די העלדישע לעקערט־געשטאלט, זײַנ מוטיקײַט, שרעקלאָזיקײַט, זײַנ דרייסטנ האלטנ זיכ פּאָנעם על פּאָנעם מיט די מערדער.

„אזויווי מע האָט הערשקענ אינ פינצטערנ צימער ארײַנגעזועצט —
א קליינ לעמפּל האָט זיכ געבערענט אפ דער וואנט.
„איכ וואָלט מיכ שוינ גלײַכער סאָגלאשעט
צו בלײַבנ אנ אייביקער ארעסטאנט".

(דאָרטנ, ז. 55)

אזוי האָט דערציילט איינ פאָלקלאָר־זינגער (אינעם קורצנ וואריאַנט) [1], אונ דאָס האָט ניט באפרידיקט דאָס ברענענדיקע קלאסנ־געפיל פונעם ארבעטער־קעמפער, אונ ער האָט עס איבערגעדיכטעט אפ זײַנ אויפנ:

„אזווי מע האָט הערשקענ צומ מישפּעט געפירט,
האָט מענ געבעטנ ער זאָל דעמ עמעס אויסגעבנ:
— „אוועק, איר שרעקלעכע מערדער,
איכ האָב געוואָלט דער טיראנ זאָל ניט לעבנ".

(דאָרטנ, ז. 59)

אנ אנדער וואריאַנט דערציילט, ווי לעקערט האָט פארטריבנ דעמ ראבינער, ווענ ער איז געקומענ מיט זײַנ „ווידוי". אלע וואריאַנטנ שטרײַכנ אונטער לעקערטס רופנ צו „ראכע", אָפּצורעכענענ זיכ מיט דעמ „טיראנישנ נאציאָנ". דאָס פאָלקלאָרישע לעקערט־געשטאלט איז דאָס געשטאלט פונעמ קעמפנדיקנ ארבעטער־קלאס, פונ זײַנ דרייסטקײַט, קאמפלוסטיקײַט אונ שטארקײַט, פונ זײַנ העלדישקײַט אונ מעסירעסנעפעש. „אוי, די שטריק, וואָס איר טוט מיר פארוואָרפנ—שרעקנ שרעק איכ זיכ נישט פאר איר"—אזוי האָט זיכ פאָרגעשטעלט דער ארבעטער־זינגער זײַנ העלד פארנ טויט! זינגענ א ליד וועגנ ראכע—אָט וואָס סע בעט לעקערט! אונ מיר דערמאנענ זיכ, ווי ס'האָט „געמאָלט" לעקערטס לעצטע מאָמענטנ א בונדישער „שרײַבער":

„אינ דער איינצלקאמער איז געזעסנ הערשל דער שוסטער. ער האָט נאָכ גאָרניט געוווסט, אז אינ דער דאָזיקער נאכט בײַסט זיכ אײַנ דער דאָזיקער הערשל אינ דער אייביקײַט, אז באלד וועט ער אזוי מיט זײַנע ארפּגעלאָזטע הענט אונ אויפגעהויבענעמ קאָפּ אוועקגיינ אפ דעמ הייליקנ שליאכ פונ די געקרייציקטע... אוועקגיינ מיט שטילקײַט פונ קידעש־האשעמ... ווער האָט געבענטשט אינ דער נאכט דעמ רועכ פונ דעמ דאָזיקנ מענטשנ אונ האָט אפ אימ ארופגעגעבנ אזויפיל רו אונ רויטערקײַט?" [2].

ס'איז צוואקישע איקאָנע־סטיל פונ א בונדישנ מאגיד, די ליגנעריש־פארגלאָצטע דווייקעס פונ א מענטשנ, וועלכער שטרעבט צו עקספּלואטירנ לעקערטס ליכטיקנ אָנדענק דורכ מיסטיזירטנ סאָציאַל־פאשיזמ פאר זײַנע פארפירערישע צוועקנ.

מיט דער זעלביקער ליבשאפט אונ פארערונג ווערט באזונגענ דאָס געשטאלט פונ א צווייטנ ארבעטער־קעמפער, פונ „באָרעכ שולמאנענ דעמ באוווסטנ העלד". אינ

---

[1] דעמ קורצנ וואריאַנט האָט לעמאנ פארשריבנ בא א סאגענאָער (בלינדנ), מינאסטאמ א גאסנ־בעטלער. מעגלעכ, אז פונדאנענ זײַנ נעבעכדיקײַט.

[2] יאקאָוו פאט. „אפ קידעש־האשעמ" ב. 2 „בּנדיסטנ" ז. 135. לויט דער זעלביקער ליניע שיידנ זיכ אויכ אונטער קושניראָווס אונ לייוויקס לעקערט־געשטאלטנ.

דער באַלאַדע וועגן זײַן אטענטאט (דעם 1־טן מײַ 1906) אפן ווארשעווער געהילפֿ־פּאָליציי־קאָמיסאר קאָנסטאנטינאָוו ווערט אונטערגעשטראָכן זײַן מעסירעסנעפּעשדיקער אקט בענעגייע זײַן כאווער דאָוויד אפּטן (ער האָט שוין באוויזן ארופּכאפּן זיך אפן טראמווײַ, האָט ער דערזען, ווי מע ארעסטירט זײַן כאווער און איז אראָפּגעשפּרונגען אײַנשטעלן זיך פאר אים). די באַלאַדע ווענדעט זיך צו די שוועסטער און ברידער, זיי זאָלן ניט וויינען — „אז עס פאלט — פאלט דער בעסטער, דער וואָס האָט אונדז אזוי געטרײַ געדינט" (דאָרטן, ז. 64). באם קייווער שווערן די כאווײרים צו נעמען נעקאָמע פארן כאווערס פארגאָסענעם בלוט. הארציק־ליכטיק פארענדיקט זיך די באַלאַדע:

„שיינע בלומען טוען בליִען
בא באָרעכס קייווער אפ דער וועלט,
דאָס גאנצע פאָלק וועט קומען קניִען
פאר באָרעכ שולמאן דעם באוווסטן העלד".

(דאָרטן, ז. 67)

מיט ניט ווייניקער בוילעטע פארבן, וואָס קוועלן מיט ברענענדיקער קלאסן־סינע, מאָלט דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלקלאָר־ליד די געשטאלטן פון דעם ארבעטערס קלאסן־סאָנים. דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלקלאָר־ליד באווײַזט זיי אין זייער אויסערלעכקײַט און באזונדערס אין זייער האנדלונג. „דער בורזשוי זיצט זיך ברייט באם טיש און טרינקט זיך א גוט גלעזל ווײַן. אליין איז ער גראָב, ווי א שווײַן, און פון דעם ארבעטערס אָרעמקײַט טוט ער שפּעטן און לאכן" (לעמאן ז. 47). די באַלעבאטים פון דער בעקערײַ ווערן געשילדערט אָנגעטאָן „זי א פּאָר ברילִיאנטענע אוירינגלען" און ער א גאָלדענעם זייגער. זייער אוורע איז טאָמיד טשעפּען זיך צום ארבעטער, „זיי נעמען אין דער האנט ארײַן באקוקן די בייגל, צי זיי זײַנען נישט גרויס, צי זיי זײַנען נישט קליין" (דאָרטן, 126). דער מײַסטער ווערט אלעמאָל באוויזן אין זײַן באציִען זיך צו די ארבעטער אָדער אין מאָמענט פון א שארפן צוזאמענשטויס (לעמאן ז. 32—42).

דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלקלאָר־ליד איז ס׳־האָוו א שטאָט־ליד: אין די שטעט האָט האסטיקער געשלאָגן דער דויפעק פון דער ארבעטער־באוועגונג. בא לעמאנען איז פארצייכנט א בילד פון דער אופגעבּרויזטער שטאָט.

„א גערויש, א געטומל, עס קאָכט אין די גאסן,
די רײַכע זיי פרעגן, וואָס דאָס באטײַט,
שפּאצירן זיך ארבעטער פיל אין די מאסן,
די רײַכע זיי שרעקן זיך פארן פּאָליטישן שטרײַק".

(דאָרטן, ז. 30)

י. ל. קאהאנס עסטעטישער געהער וועט זיך מיסטאמע פארקרימען בא די גראַמען „גאסן—מאסן", ס׳איז ניט פאָלקסטימלעך, ס׳איז נאָכגעמאכט... אָבער סארא כאַראקטעריסטישער סאָציִאלער געמעל „פון יענע יאָרן", ווען די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־באוועגונג האָט אָנגעוואָרפן אזויפיל פּאכעד אפ די „בורזשאקעס"!

אין טורמע האָט יעדער ארבעטער־רעוואָליוציאָנער פארבראכט היפּשע יאָרן. איז ניט קיין ווונדער, וואָס דאָס טורמע־געשטאלט פארנעמט אזא גרויסן אָרט אין עם געשטאלטן־אוצער פונעם רעוואָליוציאָנערן פאָלקלאָר. א פינצטער געשטאלט!

שווערע ווענט, פארשלאָסענע טיר און טויער, קיינ ברעקל שײַנ. א וועכטער דרייט זיכ ארום אפ דער וואכ. איינע אליינ שטייט די טורמע מיט די „רויטע ציגעלעכ“ אפ די טויטע פעלדער, „ווער ס׳גייט ארײַנ לעבעדיק, גלײַכט זיכ נאָכדעם צו די טויטע“ (לעמאנ ז. 97, 98). דערפאר איז ווי א ליכטיקע אנטיטעזע דער מענטש, וואָס זיצט אינ איר, דער ארעסטירטער ארבעטער-קעמפער, פול מיט רעוואָליוציאָנערער דרייסטקײַט און אנטשלאָסנקײַט.

פאר דער קאָמפּאָזיציע פונעם רעוואָליוציאָנערנ פאָלקלאָר־ליד איז כאראקטעריסטיש די אנטיטעזע, וואָס אירע שפּראָצלענ האָבנ מיר אָפּגעמערקט אינעם עלטערנ פאָלקלאָר־ליד פונ די אונטערדריקטע סאָציאַלע שיכטנ. „שפּאצירנ זיכ ארבעטער פיל אינ די מאסנ — די רײַכע זיי שרעקנ זיכ פארנ פּאָליטישנ שטרײַק“ (לעמ. ז. 30). „די טײַערע פאלאצנ מיט די טײַערע הײַזער — דאָס מאכט אלצ דער אָרעמאנ — און ווייסטו, ווער עס טוט אינ זיי וווינענ? נאָר נישט ער, נאָר דער רײַכער מאנ“ (לעמ. ז. 105). אינעם ליד „דאָרטנ אינ ווינקל“ (לעמ. ז. 111) הייבט זיכ אָנ איינ סטראָפעס־ציקל: „פארהאס, מײַנ קינד, דעם קאפּיטאליסט“. אינ א צווייטנ סטראָפע־ציקל: „האָב ליב, מײַנ קינד, דעם ארבעטערמאנ“ (ז 114). באזונדערס איז די אנטיטעזע פארקערפּערט אינעם פארשארפטנ דראמאטיזמ פונ די באלאדעס. די דאָזיקע אנטיטעזישקײַט איז אנ אויסדרוק פונעם פארשארפטנ קלאסנ־אנטאגאָניזמ, וואָס האָט געלאָזנ טיפע וואָרצלענ אינ דער אידעאָלאָגיע פונעם באוווסטזיניקנ ארבעטער. די אנטיטעזע האָט אינ דער קאָמפּאָזיציע אנ אויסגעשפּראָכענע אידעאָלאָגיש־קינסטלערישע פונקציע.

א צווייטער כאראקטעריסטישער שטריכ פונ דער קאָמפּאָזיציע פונעם רעוואָליוציאָנערנ פאָלקלאָר־ליד איז די פארענדיקונג מיט מונטערע, צום קאמפ רופנדיקע פערזנ. די סכעמע איז דאָ אלעמאָל אזא: די לאגע איז שווער, אָבער דאָס גלייבנ אינעם זיג איז נאָכ גרעסער. ווי א מוסטער קענ דינענ דאָס ליד בא לעמאנענ ז. 44. אינ די ערשטע פינפ סטראָפעס שילדערט זיכ אינ טרויעריקע פארבנ די לאגע פונעם ארבעטער־קלאס. קאָרבאָנעס, טורמע, סיביר, עקספּלואטאציע, אָבער מיר ארבעטער „לאכנ זיכ אויס פונ דעם אלעמענ“, „צו דעם מוטיקנ קאמפ טוענ מיר רופנ“, „און דעם סוינע וועלנ מיר באזיגנ“. די לעקערט־באלאדע פארענדיקט זיכ מיט א רופ צו נעקאָמע. די שולמאנ־באלאדע — מיטנ רופ „ווײַנט נישט, ברידער, ווײַנט נישט, שוועסטער“, דאָס טרויעריקע טורמע־ליד — מיטנ מונטערנ אויסרופ „אונדז שרעקט נישט קיינ הונגער, קיינ טורמעס, קיינ קעלט, מיר מוזנ באפרײַענ דאָס לעבנ אפ דער וועלט“ (לעמ. ז. 97). אָט דער קאָמפּאָזיציאָנעלער מאָמענט פארקערפּערט אינ זיכ די פּסיכאָ־אידעאָלאָגיע פונעם גײַעמ קעמפנדיקנ פערספּעקטיווּפולנ קלאס. דאָס איז ניט קיינ טראפארעטע צוטשעפּעניש, ווי עס זאָגט מיט באלעבאטישנ שוים אפ די ליפּנ י. ל. קאהאנ. דאָס איז דער אידעאָלאָגיש־קינסטלערישער סטיל פונעם קאמפּלוסטיקנ פאָלקלאָר־ליד. אינטערעסאנט, אז גראָד אינ די לידער, וואָס זײַנענ קאהאנענ אמערסטנ געפעלנ, איז דער דאָזיקער „טראפארעט“ ניטאָ, ווײַל אָט די לידער (פונ ארבעטסמאנ און ארבעט־פאכ) זײַנענ טרערנ־לידער פונ דערשלאָגענע, צעקלעמטע, אָבער צום קאמפ־באוווסטזײַנ נאָכ ניט געקומענע ארבעטער. קאהאנס ווייכנ „פאָלקסטימלעכנ“

האַרצנ געפעלנ גראָד די ווײַנענדיקע לידער, איז ווידעראַמאָל: געשמאַק איז אויכ א סאָציאַלע דערשײַנונג...

פאַרנ סטיל פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פאָלקלאָר־ליד איז אויכ כאַראַקטעריסטיש זײַנ „קאָלעקטיוויסטישער" נוסעכ, אויב מע קענ זיכ אַזוי אויסדריקנ. דאָס האָט נאָכ אָפּגעמערקט י. ל. קאַהאַנ מיט... האַרצוויַיטעק. אינ זײַנ אויבנדערמאָנטער רעצענזיע אַפּ לעמאַנס זאַמלונג פאַרגלײַכט ער אַנ אַרבעטער־ליד פונ לעמאַנס זאַמלונג מיט אַנ עלטערנ אַרבעטער־ליד:

דאָס אַלטע ליד:

„הייב איכ מיכ אופּ
דער האָנ גיט א קריי,
דאָס האַרצ איז מיר טרוקנ,
ס'איז נישטאָ קיינ גלעזל טיי!
אַכ, דו ליבער גאָט,
זאָג־זשע דו אַליינ:
צי האָב איכ קיינ אַנדער האָפענונג
נאָר א שנײַדער צו זײַנ".

באַ לעמאַנענ:

„זונטיק אינדערפרי
דער האָנ גיט א קריי,
מיר דאַנזשענ ניט אויסצוטרינקענ
ס'גלעזל טיי.
אַכ, מײַנע ליבע ברידער,
וואָס איז דאָס פאַר א וועלט!
מיר אַרבעטנ, מיר אַרבעטנ,
דער מײַסטער האָט דאָס געלט".

אונ קאַהאַנ באַמערקט: „ס'איז (דאָס עלטערע) טאַקע א שיינ לידל, אָבער פונ אַמאָליקע צײַטנ, ווענ מע האָט פונ גאָרנישט ניט געוווּסט... געפעלנ ניט די אַלטע ווערטער „גאָט", „האָפענונג" אונ דער גאַנצער „איכ"־טאָנ, גיט מענ זיכ אַנ אײַנצע (עכ, סאַראַ סאַרקאַזמ, סאַראַ שפּאָט! — א. ר.), אונ באַלד ווערט פונעמ „איכ"־ליד א „מיר"־ליד. שוינ גאָר אַנ אַנדער נוסעכ" [1]). ניטאָ וואָס צו ריידנ: קאַהאַנ איז מערקווירדיק געטרײַ זײַנ באַלעבאַטישנ וועזנ. אָבער זײַנ נאָכמערקונג איז בעפּיירעש א ריכטיקע: דער „מיר"־נוסעכ איז טאַקע אַנ אויסגעשפּראָכענער סימענ פונעמ סטיל פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פאָלקלאָר־ליד. אינ אָט דעמ נוסעכ איז פאַרקערפּערט געוואָרנ דער לעבנ־סטיל, דער פּסיכאָ־אידעאָלאָגישער גאַנג פונ די קאַמפלוסטיקע „שוועסטער אונ ברידער". בלויז אינ די לידער פונ די דערשלאָגענע נאָכ ניט קלאַסנבאַוווּסטע אַרבעטער הערשט דער „איכ"-נוסעכ אונ דערבײַ איז ער פאַרבונדנ מיט א ריי אַנדערע פּסיכאָ־אידעאָלאָגישע מאָמענטנ: מיט דער ווענדונג צו גאָט, מיט דער פאַרבאָרגענער האָפענונג „ווערנ אויס שנײַדער", אַרײַנ אינ דער סאָכריש־באַלעבאַטישער וועלט.

צו דעמ „קאָלעקטיוויסטישנ" נוסעכ געהער אויכ די ווענדונג אונ צורופ, וואָס זײַנענ אינעמ רעוואָליוציאָנערנ פאָלקלאָר־ליד שטאַרק פאַרשפּרייט, דאָס ליד ווענדעט זיכ אָדער צו אַרבעטער, אָדער צו ברידער אונ שוועסטער (סאָציאַלע), אַמאָל צו דער אַרבעטערנ, אַמאָל צו א קינד (וויג־ליד אונ צאַוואָע). דאָס וויג־ליד־אונ צאַוואָע־פאָר מענ זײַנענ שטאַרק באַליבט אינעמ רעוואָליוציאָנערנ פאָלקלאָר. א מאַמע פאַרוויגט איר קינד מיט א קאַמפּ־מאָטיוו, א פאָטער לאָזט איבער צאַוואָע זײַנ קינד, ער זאָל נעמענ ראַכע פאַר זײַנ לעבנ. די דאָזיקע פאָרמענ זײַנענ ניט קיינ צופעליקע. פאַר־

1) לאַנדוי-בוכ" ז. 149.

יעדער קלאס שטעלנ זיכ אופגאבעס פונ דערציִענ א נײַעמ דאָר אינעמ גײַסט פונ זײַנע קלאסנ־אידעאלנ. דאָס רעוואָליוציִאָנערע פאָלקלאָר־ליד האָט די דאָזיקע מיסיע אויסגעפילט בעקאָוועד.

א פאָר באמערקונגענ וועגנ דער שפראכ פונעמ רעוואָליוציִאָנערנ פאָלקלאָר־ליד. מיר האָבנ נאָרוואָס געזענ, אז די שפראכ איז אײנער פונ די סימאָנימ, לויט וועלכע קאהאנ פאסלט די פאָלקלאָרישקײַט פונ דעמ אָדער יענעמ ליד. א קלײניקײַט! מע נעמט אונ מע ווארפט ארויס אזוינע „פאָלקסטימלעכע" ווערטער, ווי „גאָט", „האָ־פענונג" אונ מע שטעלט ארײַנ אזוינע גראָבע ווערטער, ווי קאמפ, פרײַהײַט, — פראָסטע אגיטאציע־ווערטער! קאהאנ האָט דאָ, אימ אלײנ אפ לעהאכעס, אופגעדעקט א וויכ־טיקנ מאָמענט אינעמ רעוואָליוציִאָנערנ פאָלקלאָר: די נײַע שפראכ, די שפראכ פונעמ ארבעטער־קאמפ, פונעמ לאָזונג, פונ דער פראָקלאמאציע. די דעהעברײיִזאציע איז פארנ רעוואָליוציִאָנערנ פאָלקלאָר־ליד פונקט אזוי כאראקטעריסטיש, ווי פאר דער רעוואָליוציִאָנערער דיכטונג ביכלאל. פונ דער פראָקלאמאציע, רעדע, אומלעגאל ביכל איז ארײַנגעפלאָסנ אינעמ פאָלקלאָר־ליד א שטראָמ נײַע אויסדרוקנ, ווי: ארבעטער־קאמפ, ארבעטער־גײַסט, ציל, פרײַהײַט, ארבעטסלײַט, טיראנענ, בורזשוי (אמאָל „בורזשיוק"), קעמפנ, פארשקלאפנ, ראכע א. א. דער קאמפ האָט ארײַנגעבראכט אזוי־נע „טעכניציזמענ", ווי: פראָקלאמאציע, שטרײַק, רעוואָלווער, באָמבע, דינאמיט, פאָנ, שפּיִאָנ א. א. קאהאנ האָט א באזונדער אנטיפאטיע צו די דאָזיקע ווערטער. פאר אונדז, פארקערט, זײַנענ זײ באזונדערס טײַער: זײ זײַנענ געווענ אנ אויסדרוק פונ נײַע פסיכאָ־אידעאָלאָגישע פראָצעסנ בא די ארבעטנדיקע מאסנ. דאָס וואָרט „באוווסטזײַנ" האָבנ מיר אינ רעוואָליוציִאָנערנ פאָלקלאָר ניט באגעגנט, אָבער דעמ אינהאלט זײַ־נעמ טרעפנ מיר גאנצ אָפט: „דער פראָלעטאריאט הײבט אָנ צו פילנ, צו וויסנ" (לעמ. ז. 46), „אלע מענטשנ, וואָס פארשטײענ דעמ ציל פונ אָנפאנג ביז ענד" (לעמ ז. 83), „ברידער, טוט אײַכ באקלערנ" (ל. ז. 83), „הער אויס מיט פארשטאנד" (לעמ. ז. 112), אמאָל ווערט געשאפנ פאר דעמ באגריפ אנ אומבאהאָלפענער נעאָלאָגיזמ: „די וויסנ־הײַט, וואָס איז גרויס" (לעמ. ז. 87). דאָס נײַע קלאסנבאוווסטזײַנ האָט געפאָדערט נײַע שפראכלעכע מיטלענ, אונ דער ארבעטער־דיכטער האָט זײ געשעפט פונוואנענ נאָר ס'איז מעגלעכ געווענ, אונ אז ס'איז גאָר ענג געווענ, איז גוט געווענ א רוסיש ווערטל אויכ, ווי אשטײגער א „פראָוואל" [1].

ס'וואָלט, פארשטײט זיכ, מאָדנע ווילד געווענ, ווענ מיר וואָלטנ ניט טרעפנ אויכ דאָ דעמ עלטערנ פאָלקלאָרישנ „אוי" (לעמ. ז. 36, 37, 80, 82, 93, 125 [2] א. א.), דאָס פײגעלע (דאָרטנ, ז. 84, 89), רעגנ אונ וואָלקנס (ז. 125) א. א. דער רעוואָליוציִאָנערער פאָלקלאָר איז ניט געשאפנ געוואָרנ אינ א קאבינעטישער לאבאָראטאָריע, נאָר אינ א לעבעדיקער ארבעטער־סוויווע מיט א באשטימטער פאָלקלאָרישער יערושע פונ פריִערדיקע אנטוויקלונג־סטאדיעס, מיט אופווירקונגענ פונ אנדערע סאָציִאלע שיכטנ.

---

[1] ניט סטאמ דאָס רוסישע וואָרט איז פארשפרײט אינעמ ארבעטער־פאָלקלאָר, נאָר א באשטימטע קאטעגאָריע ווערטער, וואָס זײַנענ ארײַנ צוזאמענ מיט א נײַעמ אינהאלט (ראבאָטשע, סוואָבאָדע, סטאטשקע, סאָבראניע א. א.).

[2] זע אויכ סקודיצקיס זאמלונג נומ. 10, 11, 35, 49, 52.

דאָס סאטיריִשע וואָרט, וואָס מיר האָבנ אָפּגעמערקט אינעמ מאסקילישנ פאָלקלאָר־ליד, איז, פארשטענדלעכ, אויכ פאראנ אינעמ רעוואָליוציאָנערנ פאָלקלאָר־ליד, נאָר דאָ איז עס אָפּענער, שארפער, בײַסיקער, באזונדערס ווענ ס׳האנדלט זיכ וועגנ צאריזמ, באלעבאטימ אונ מײַסטערס, פרעמדע פארטייענ (לעמאנ ז. 12 ,17, 41, 47, 70, א. א.).

לעסאָפּ איז נייטיק אָפּצומערקנ נאָכ אזא מאָמענט: דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלקלאָר־ליד איז געווענ א מאסנ־ליד, געזונגענ געוואָרנ אפּ פארזאמלונגענ בייס א פּאָליטישער אקציע, אינ ווארשטאט בייס דער ארבעט. דאָס האָט געמוזט ווירקנ אפּ דער ריטמישער קאָנסטרוקציע פונעמ ליד, געלאָזט עס שפּרײַזנ מיט שנעלע טעמפּנ, מיט קירצערע שורעס. לעהייפּעכ צומ קאפּצאָנימ־ליד, וואָס איז געווענ אנ עלעגיע פונ איינזאמע מענטשנ, איז דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלקלאָר־ליד ווידעראמאָל א כאָר־ליד מיט צושפּילנ אונ רעפרענענ, וועלכע זײַנענ אונטערגעכאפּט געוואָרנ מיט עקסטאז פונ א זינגענדיקער מאסע, וואָס האָט באקומענ איר לעבנ־פערכפעקטיוו אינ א נײַעמ אידעאל. אזא איז דאָס ליד „פּאָרוועטס, ברידער" (לעמ. ז. 46), אינ וועלכנ יעדער סטראָפע לאָזט זיכ אויס מיט אזא טיפ־באגײַסטערטנ צושפּיל:

„דערפאר שטייט אופ, ברידער, מ׳וועקט אײַכ, מ׳וועקט אײַכ,
פאר דעמ קאמפּ נישט דערשרעקט אײַכ, דערשרעקט אײַכ,
צומ לעבנ,
צומ שטרעבנ
אויסצוקעמפנ א בעסערע צײַט,
פונ קייטנ צו ווערנ באפרײַט,
עס פאָדערט די איצטיקע צײַט".
(לעמאנ ז. 47)

עלטערע ארבעטער וועלנ זיכ מיסטאמע דערמאנענ אָט דאָס דאָזיקע ליד, ווי עס פלעגט פארקלינגענ מיט זײַנע נײַע, מונטערע אונ גלויביק־באגײַסטערטע טענער די טויזנטיאָריקע וועלדער, געוועקט מוט אונ האָפענונג אפּ נײַע, בעסערע צײַטנ.

מיר קומענ אזויארומ צומ אויספיר.

אויכ דער רעוואָליוציאָנערער פאָלקלאָר האָט ניט בלויז זײַנע טעמאטיש־אידעאָלאָגישע אייגנטימלעכקײַטנ — דאָס איז זעלבסטפארשטענדלעכ, — נאָר אויכ זײַנע סטיל־אייגנטימלעכקײַטנ. יארשענענדיק נאטירלעכ פיל פונעמ עלטערנ פאָלקלאָר, האָט דער רעוואָליוציאָנערער פאָלקלאָר געבראכט מיט זיכ אייגנארטיקע פאָרמענ פונ קאָמפּאָזיציע אונ געשטאלט, א ש׳אל נײַע ,עקסיק אונ פראזעאָלאָגיע, אָנשטאָט כידער אונ מאכזור גענומענ פאָרמענ בא דער רעוואָליוציאָנער־סאָציאליסטישער דיכטונג, ארײַנגעטראָגנ אינעמ ריטמ דעמ הייסנ אָטעמ פונ דער פּראָקלאמאציע אונ לאָזונג, די באגײַסטערונג פונ א רעוואָליוציאָנער־מארשירנדיקער מאכנע. נײַע קלאסנ־פסיכאָ־אידעאָלאָגיע מוז פריִער אָדער שפּעטער ברענגענ מיט זיכ אויכ נײַעמ קלאסנ־סטיל!

אינהאלט

זײַט

פּאָרוואָרט 5

1. אייניקע באמערקונגען וועגן דער בורזשואזער יידישער פאָלקלאָריסטיק 7

2. וועגן אייניקע פּראָבלעמעס פון דער מארקס-לעניניסטישער פאָלקלאָריסטיק. . . . 12

3. אידעאָלאָגיש-סטיליסטישע האשפּאָעס פון די עקספּלואטאטערישע קלאסן אפ דער פאָלקלאָר-דיכטונג 19

4. דאָס פאָלקלאָר-ליד פונעם פאראָרעמטן קליינבירגערטום 26

5. דאָס פאָלקלאָר-ליד פון די עקספּלואטירטע סאָציאַלע שיכטן 28

6. דאָס פאָלקלאָר-ליד פון דער בורזשואזער האסקאָלע 36

7. דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלקלאָר-ליד 38